Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

הײַנט 10 זייטען

נײַער פֿאָלקסבלאַט

№ 159 | Łódź, Sroda, 10 lipca 1935 r. | דרייצענטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, ט׳ תמוז תרצ״ה | № 159

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — 224-71 .דרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז פעטריקאווער 21, טעל

אויסצומיידען א רעוואלוציע אין פראנקרייך

דאס עיקר-פראגראם פון פולקאווניק דע-לא-ראק

פאריז, 9 (ספ. טעל.)

דער אנפיהרער פון דער ארגאניזאציע „פייער־קרייץ" פולקאווניק דע־לאראק האט געגעבען אן אינטערוויו דעם פארשטעהער פון „עקסעלסאר". נאך א קורצען ארייגפיהר וועגען דער פראעקטירטער מאניפעסטאציע דעם 14 יולי זענען בעריהרט געווארען געזעלשאפטליך־ווירטשאפטליכע ענינים. דער פיהרער פון דעם „פייער קרייץ" האט אנטוויקעלט א ברייטען פראגראם פון געזעלשאפטליכע רעפארמען, ארויסרוקענדיג צווישען אנדערע די טעזע פון קאנטראל פון דער מלוכה איבער געוויסע געביטען פון פראדוקציע; בעזייטיגען פון די פעראייבען פון ארבייטסגעבער און ארבייטער די פאליטישע עלעמענטען א. ד. ג.

פולקאווניק דע־לאראק האט אנגעוויזען, אז זיין ארגאניזאציע צעהלט איצט 320,000 מיט־גלידער.

אלס ענטפער אויף אייניגע פראגען, ערקלערט דער פולקאווניק אז בעתין צוזאמענפאהר פון „פייער קרייץ" אין מארב־אפריקא איז נישט ארויס געטרעטען קיין עסקאדרע פון מיליטערישע אעראפלאנען נאר אייניגע ספארט־אעראפלאנען. עס איז ניט אמת, אז די דאזיגע אעראפלאנען האבען געקאנט פערוואנדעלט ווערען אין קריגס־אעראפלאנען פולקאווניק דע־לאראק אונטערשטרייכט, אז דער „פייערגער קרייץ" וויל ראטעווען דאס לאנד פון א מעגליכער רעוואלוציע און בירגער־קריג כדי דאס לאנד זאל זיך ענטוויקלען אין גוטע בעדינגונגען בעזיצט דער „פייעריגער קרייץ" א גרויסען מאראלישען כח.

100 טויזענד מיליטער-לייט און פאליציי וועלען זונטאג היטען די ארדנונג

פאריז, 9 (ספ. טעל.)

דער הייאהר׳גער פאלקס־יום־טוב פון 14. יולי וועקט אנ׳אונגעוועהנליכע פעראינטערע־סירונג. דער מיניסטארען־ראט האט אנגענומען בעשלוסען, וועלכע צילען נישט צו דערלאזען צו קיין צוזאמענשטויסען צווישעןביידע זיך בע־קעמפענדע פאליטישע לאגערן: דעם „פייער־קרייץ" און דעם „פאלקס־פראנט". ביידע מאניפעסטאציעס וועלען פארקומען אין צוויי געגענזעצליכע עקען פון שטאט: אויף די עליזעע־פעלדער און אויפ׳ן שטערן־פלאץ וועלען זיך צוזאמענקומען די מיטגליעדער פון „פייער־קרייץ" און דער „פאלקס־פראנט" וועט זיך פערזאמלען אויפ׳ן פלאץ פון דער באסטיליע. „זשור" שרייבט, אז כדי איינצוהאלטען דעם 14. יולי די ארדנונג וועלען געזאמעלט ווערען קרעפטען אין א צאהל פון 100 טויזענד מאן: פאליציי און מיליטער. די רעגירונג האלט, אז די רוה וועט נישט געשטערט ווערען

ג. פרעמיער שאטאן וועגען דער פארשטעהענדער מאניפעסטאציע

פאריז, 9 (ספ. טעל.)

דער געוועזענער פראנצויזישער פרעמיער שא־טאן האט אויפ׳ן לאקאלען קאנגרעס פון די ראדיקאלע אין בלאא ערקלערט, אז די ראדיקאלען האבען נישט בדעה צו שטערען לאוואלס רעגירונג אין דער ארבייט צו שטארקען די פינאנצען אין לאנד.

וועגען דער טעטיגקייט פון דער פעלקער־ליגע האט שאטאן ערקלערט:

די פראנצויזישע רעפובליק האט שטענדיג א רויסגעוויזען טאלעראנץ און ליבעראליזם פאר פראפאגאנדע פון די אדער יענע פארטיי־לאזונגען, אבער עס איז נישט פארהאן אזא רעגירונג, און ס׳איז נישטא אזא רעפובליקאנער, וועלכער זאל ערלויבען. אז די מינדערהייט זאל אויפצווינגען איהר ווילען דער מעהרהייט. עס איז די אויפגאבע פון דער רעגירונג צו צוימען די, וועלכע שטרעבען אין זייער משוגעת צו בלוט־פערגיסונג.

נאר די רעגירונג איז בערופען אפצוהיטען די זיכערקייט פון דער געזעלשאפט. די רעגירונג דארף האנדלען ענערגיש און דארף געבען די יעניגע, וואס שטרעבען צו ארדנונג אין לאנד די מעגליכקייט צו אינטערווענירען ווו עס וועט זיין נויטיג.

די ראדיקאלע פארטיי, וועלכע האט אויך אנגעזאגט איהר אנטייל אין דער מאניפעסטאציע וויל צוזאמען מיט די איבריגע רעפובליקאנער, ווי עס געהער צו זיין בעעהרען דעם פאלקס־יום־טוב און בעווייזען די צובונטעוועטע, אז זייער אונ־טערנעהמונג וועט צוברעכען ווערען פון דעם דע־צידירטען ווידערשטאנד פון פראנצויזישען פאלק, וואס וועט שיצען די פרייהייט געגען יעדען אטענ־טאט

אין פראנקרייך איז מען בעאונרוהיגט...

פאריז, 9 (ספ. טעל.)

צוליב דעם, וואס אלע פאליטישע גרופירונגען גרייטען צו גרויסע דעמאנסטראציעס אויפ׳ן 14. יולי איז די רעגירונגס־און אדמיניסטראטיווע מאכט שטארק בעאונרוהיגט.

אויף דער נעכטיגער זיצונג פונ׳ם מיניסטארען ראט איז בעשלאסען געווארען, אז פון דאנערשטאג אן וועט דער מיניסטארען ראט פערמאנענט אמטי־רען, די אדמיניסטראטיווע מאכט איז בעשעפטיגט מיט אויסארבייטען א סטראטעגישען פלאן כדי צו זיכערען די רוהע און ארדנונג אין דעם דאזיגען טאג פון פאלקס יום־טוב,

פון נעכטען האט זיך שוין אנגעהויבען א קאנ־צענטראציע פון שטארקע מיליטערישע אפטיילונגען אין די פארשטעט פון פאריז, גלייכצייטיג זענען פערשטארקט געווארען די אפטיילונגען פון דער גווארדיע איהר צאהל זאל ביז זונטאג פער־דאפעלט ווערען.

גרויסע מיליטערישע רעווי

פאריז, 9 (ספ. טעל.)

אונאפהענגיג פון די פאליטישע מאניפעס־טאציעס וועט פארקומען די יעהרליכע מיליטערישע רעווי. דער פרעזידענט לעברען אין דער געזעל־שאפט פון דער גענעראל־ציע און די מיטגלידער פון דער רעגירונג וועט אויפ׳ן פלאץ פון די שטערן אפנעמען די דעפילאדע פון מיליטער. אין דער מיליטערישער דעפילאדע וועלען צוו. אנד. זיך בעטייליגען 600 אעראפלאנען פון אלע מינים מי־ליטערישע אפאראטען.

בערלין געגען עסטרייכישען האבסבורג-געזעץ

„אייראפא קען נישט פערטראגען דעם האבסבורגער-טייוועל ביים דונאי"

בערלין, 9 (ספ. טעל.)

דיפראגע וועגען צוריקקעהרען דער האבסבורג־דינאסטיע זייערע פריוואטע מאיאנטקעס האט אין דער דייטשער פרעסע ארויסגערופען א שטארקען צארן. די צייטונגען זענען פול מיט פיינדליכע קא־מענטארען.

אין א ריה ארטיקלען טרעט די דייטשע פרעסע ארויס געגען די האבסבורגער אלס פערטרעטער פון דייטשלאנד אנווייזענדיג אויף די ערנסטע קאמפלי־קאציעס, וואס דאס נייע געזעץ וועגען די האבס־בורגס קאן ארויסרופען אין דונאי־געביט. די ציי־טונגען רוקען דערביי אויך ארויס ווירטשאפטליכע און פינאנציעלע מאמענטען, אלס בעגרינדונג פאר זייער ארגומענטאציע.

עס בלייבט די פראגע — ערקלערט „נאכט־אויסגאבע" — צו וואס עס שטרעבען די מאסגעבי־גען אלע ביז־איצטיגע הבטחות, די אקטועלקייט פון געגען אלע פיזאיצטיגע הבטחות, די אקטועלקייט פון דער פראגע פון די האבסבורג׳ס. צי געהט עס זיי— פרעגט די זעלבע צייטונג — אין ארויספלאנטערן זיך פון דער אויסגאנגסלאזער סיטואציע, אדער זיי צילען מיט דער הילף פון דעם האבסבורג־געזעץ אויסצוווארצלען די נאציאנאל־סאציאליסטישע אי־דעע.

די צייטונג ענדיגט מיט פאלגענדער ווארנונג אויף דער אדרעס פון די האבסבורג׳ס: „אייראפא האט אנדערע זארגען; זי קען נישט פערטראגען דעם האבסבורגער טייוועל ביים דונאי".

ענגלאנד איז געהיטען נישט צו משטפען מוסאליני׳ן

לאנדאן, 9. (ספ. טעל.) מיניסטער אידענס הײַנטיגע ערקלערונג אין פארלאמענט וועגען די אפגעשטעלטע אונטערהאנדלונגען פון ענגלאנד מיט אביסיניען מכח א קאנצעסיע אויפן טייך טסאן, בע־ווייזט, אז די דאזיגע אונטערהאנדלונגען זענען שוין געווען ווייט אוועק.

אין די גוט־אינפארמירטע קרייזען ווייזט מען אן אויף דער ראל, וואס עס האט געשפילט אין דעם ענין דער גענעראל־גובערנאטאר פון ברי־טישען סודאן. די ענגלישע רעגירונג, מורא הא־בענדיג, אז דאס שליסען אזא אפמאך מיט אביסיניען קאן זיין א וויכטיגער טאקטישער ארגומענט אין מוסאליני׳ס פאליטיק, — האט זיך צוריקבעצויגען פון די אונטערהאנדלונגען און וויל דערווייל נישט אונטערשרייבען די קאנצעסיע ביז די לאגע וועט אויפגעקלערט ווערען.

וועוסאילער טראקטאט איז א טויטער בוכשטאב

אכעגען די דייטשע בעוואפנונגען אויפ׳ן ים

לאנדאן, 9 (ספ. טעל.)

די ענגלישע פרעסע דריקט אויס איהר פערוואונ־דערונג צוליב׳ן פערעפענטליכטען פראגראם פון די דייטשע ים־בעוואפנונגען. די צייטונגען ווייזען אן, אז אויב די דייטשע ים־בעוואפנונגען וועלען געהן אין אזא טעמפא, וועט דער גאנצער פראגראם אויס־געפיהרט ווערען נישט אין 7, נאר אין 4 יאהר.

אייניגע צייטונגען בעהויפטען, אז די ים־פער־שטענדיגונג ־ צווישען ענגלאנד און דייטשלאנד איז איניציאטירט דורך דער ענגלישער רעגירונג טאקע צוליב די ידיעות וועגען דער פראיעקטירטער עקס־פאנסיע פון די דייטשע ים־בעוואפנונגען.

די צייטונגען שטרייכען אויך אונטער, אז נאך דעם פערעפענטליכען דורך די דייטשען זייער בע־וואפנונגס ־ פראגראם אויפ׳ן ים, שטעלט מיט זיך פאר דער ווערסאילער טראקטאט נאר א טויטען בוכ־שטאב.

גלייכצייטיג פערעפענטליכען די הײַנטיגע צייטונגען די דעציזיע פון איצטיגען פלאט־מיניסטער דעם ערשטען לארד פון דער אדמיראליציע מאנסעל, אז בעת די קומענדיגע וואהלען וועט ער נישט קאנדידי־רען, און נאכ׳ן פערענדיגען די איצטיגע פארלאמענ־טארישע קאדענץ ציהט ער זיך צוריק פון פאליטי־שן לעבען.

25 יאהר פון זיין טעמיגען פאליטישען לעבען האבען איהם פערמאטערט. מאנסעל איז איצט אלט 54 יאהר.

בלוטיגע אונרוהען אין אינדיען

לאנדאן, 9. (ספ. טעל.) פון באמביי איז מען מודיע. אין לאהארא, דער הויפטשטאט פון דער פראווינץ פונדזשא, איז ערקלערט געווארען בעלא־גערונגס־צושטאנד. די נעכטיגע אונרוהען, וואס זע־נען ארויסגערופען געווארען דורך דער ריוואליזאציע צווישען די מוסולמענער מיט די סיגהיס, האבען נאך נישט אויפגעהערט, די שטימונג איז אונגעהויער געשפאנט. די ענגלישע מאכט ברענגט צו ווייטער־דיגע מיליטערישע פערשטארקונגען, כדי צודערשטי־קען די אונרוהען, די פאליציי האט אונטערגענומען די ווייט־געהענדסטע פארזיכטיגקייטס־מיטלען. דער גובערנאטאר פון דער פראווינץ איז ארויסגעפאהרן קיין לאהארע.

רומענישער קעניג מיט׳ן יוגאסלאווישען רעגענט פאוועל

וועלען קאנפערירען וועגען צוריקשטעלען די מאנארכיע אין עסטרייך

לאנדאן, 9 (ספ. טעל.)

דער רומענישער אויסערן־מיניסטער טיטולעסקו וועלכער האט בדעה צו פערבלייבען אין ענגלאנד נאך עטליכע טעג, האט נעכטען אומסגעריכט פער־לאזט לאנדאן. עס איז אין גרוים איילעניש צוריק־געפאהרען קיין בוקארעשט.

דער פלוצלינגדיגער צוריקקעהר פון מיניסטער טיטולעסקו זאל שטעהן אין פערבינדונג מיט די אינ־פארמאציעס, וואס זענען אנגעקומען קיין רומעניען מכח דער בעגעגעניש צווישען יוגאסלאווישען פירשט רעגענט פאוועל מיט׳ן רומענישען קעניג קאראל. דער צוזאמעטרעף צווישען די צוויי הויכגעשטעלטע מלוכה־לייט זאל צושטאנדקומען שוין דעם הײַנטי־גען פרייטאג. פירשט פאוועל זאל קומען אינקאגניטא קיין סינאי. צווישען אנדערן וועט בעת׳ן געשפרעך בעריהרט ווערען די פראגע וועגען צוריקקעהר פון די האבסבורג׳ס אויפ׳ן עסטרייכישען טראן. אין דעם דאזיגען געשפרעך וועט טיטולעסקו׳ס בעריכט וועגען זיינע קאנפערענצען אין פאריז און אין לאנ־דאן האבען זעהר א וויכטיגע בעדייטונג.

1 מיליאַרד מאַרק אויף ים־וואָפען אין 1935

„דייטשע קריגס־שיפען זענען פאַנצערס פאַר'ן שלום"

לאָנדאָן, 9 (ספּ. טעל.)
רייטער - אַגענטור איז מודיע פון לאָנדאָן, אַז לויט אינפאָרמאַציעס פון נישט־אָפיציעלע קוועלען וועלען די קאָסטען פון אויספיהרען דאָס דייטשע בעוואָפנונגס־פּראָגראַם אויפ'ן ים פאַר יאָהר 1935 בעטרעפען 1 מיליאַרד מאַרק. די קריגס־שיפען, וועלכע זאָלען געבויט ווערען, וועלען, לויט דיזעלבע קוועלען, היינטיגעס יאָהר נישט פערענדיגט ווערען.

בערלין, 9 (ספּ. טעל.)
דער אָפיציעלער קאָמוניקאַט וועגען דער דייטשער ים־בעוואָפנונג ווערט באַריכות אַרומגערעדט דורך דער פריהמאָרגען־פּרעסע.

דער קאָנטער־אַדמיראַל גאַדאָוו ווייזט אָן אין דער „דויטשע אַלגעמיינע צייטונג", אַז ענגלאַנד האָט שוין לאַנג געוואוסט דעם דאָזיגען דייטשען פּראָגראַם, זי האָט וועגען דעם נישט געוואָלט מעלדען נישט פראַנקרייך און נישט איטאַליען. אָפּוואַרפענדיג די פעסטשטעלונג, אַז די דייטשע בעוואָפנונגען אויפ'ן ים ריהרען אָן דאָס גלייכגעוויכט, ערקלערט גאַדאָוו: „דאָס גלייכגעוויכט, וואָס אָנערקענט דעם 65־מיליאָניגען פאָלק אַן'ענטשפּרעכענדע שטעלונג, וועט ערשט קומען".

„בערזענצייטונג" שרייבט וועגען די דייטשע קריגס־שיפען ווי אַלס „בעפאַנצערטע באַסטיאָנען פון פרידען און אַלגעמיינער זיכערקייט".

„בערל. טאַגעבלאַט" זאָגט, אַז דער דייטשער פלאָט וועט נישט געבויט צוליב אַוואַנטוריסטישע צוועקען. לויט אויסרעכנונגען וועט דער דייטשער פלאָט האָבען אַזוי פיל קראַפט, ווי עס איז איהר נויטיג, כדי צו שפּילען איהר געהעריגע ראָל אויפ'ן צפון־ים און אויפ'ן באַלטיק.

פּאַרטיי'אישע רעפּרעסיעס

געגען אָנפיהרענדע פּערזאָנען אין ראַטענפערבאַנד

מאָסקווא, 9 (ספּ. טעל.)
נאָך דער ווייזט פונם מיטגליד פון פּאָליטישען ביוראָ, סטאַנאָוו, אין סאַראַטאָוו וואו עס זענען ענטדעקט געוואָרען אַ רייה מיסבראויכען און פּאָליטישע אָפּנויגונגען אין די סאַראַטאָווער פּאַרטיי־אָרגאַני־זאַציעס, זענען לגבי אַ רייה קאָמוניסטען אָנגעווענדעט געוואָרען פּאַרטיי - רעפּרעסיעס. עס זענען בעזייטיגט געוואָרען פון זייערע שטעלעס די הויפּט־אָנפיהרער פון איניגע פעראיינען און דער רעדאַק־טאָר פון דער קרייז־צייטונג „קאָמוניסט".

די פריינדשאַפט הערט נִיט אויף

אַפילו אויפ'ן צושטורעמטען ים

דאַנציג, 9 (ספּ. טעל.)
אַ שטורם־ווינד, וואָס האָט היינט געהערשט אויפ'ן באַלטיק האָט געצוואונגען אייניגע יאַגד־שיפען פון דייטשען פלאָט ווי אויך די שיף־מוטער „סטינגטאַו" זיך אויסצוהאַלטען אין דאַנציגער פּאָרט. איין שיף איז אויפ'ן ים בעשעדיגט געוואָרען. צווישען דער פּוילישער שיף „ווילי‍אַ" און דער דייטשער שיף „סטינגטאַו", וועלכע געפינען זיך אין דאַנציגער פּאָרט, זענען צושטאַנדגעקומען געגענזייטיגע וויזיטען.

מוראַדיגע גרויסען פון דער פערפלייצונג אין אמעריקא

אומצעהליגע מענשליכע קרבנות; 10 מיליאָן דאָלאַר שאָדענס

ניו־יאָרק, 9 (ספּ. טעל.)
אין אַלבאַני (שטאַט ניו־יאָרק) זענען בעת דער פערפלייצונג אומגעקומען 20 פּערזאָן. אַלע טייכען האָבען אויסגעגאָסען, פערורזאַכענדיג שאָדענס אויף עטליכע מיליאָן דאָלאַר. טויזענדער מענשען זענען געבליבען אָהן דאַך איבערן קאָפּ. אין ביר־מינגאַם האָט דאָס וואַסער אין קאַנאַל זיך געהויבען מיט 7 מעטער, איבערגעריסען 2 בריקען און דער גרעסטער טייל פון דער שטאָט איז פערגאָסען געוואָרען. פיל טויזענדער אַרבייטער און אַנגעשטעלטע זענען צוליב דער שרעקליכער פערפלייצונג אָפּגעריסען געוואָרען פון זייערע אַרבייטס־ערטער און פון זייערע היימען.

ניו־יאָרק, 9 (ספּ. טעל.)
אין שטאַט ניו־יאָרק איז ביז איצט נאָך אַזאַ גרויסע פערפלייצונג קיינמאָל נישט געווען. דער ווייל זענען פערצייכענט 33 אומגעקומענע. די שאָדענס בעטרעפען העכער 10 מיליאָן דאָלאַר.

פּרעמיער סלאַווּעק בּיים פּרעזידענט

וואַרשאַ, 9 (טעלעפאָניש)
דער פּלוכה־פּרעזידענט האָט היינט אויפגענומען אויף אַן'אוידיענץ דעם פּרעמיער - מיניסטער וואַלערי סלאַווּעק, דעם גענעראַל־אינספּעקטאָר פון דער אַרמיי גען. רידז־שמיגלי און דעם אויסערן־מיניסטער בעק.

דער פּרעזידענט האָט קאָנפערירט מיט די מי־ניסטאָרען וועגען די אַקטועלסטע מלוכה'שע פּראָבלעמען.

אַטאַקירענדער פאָרשלאָג געגען דער ענגלישער רעגירונג

לאָנדאָן, 9 (ספּ. טעל.)
„רייטער" טיילט מיט: אין פּאַרלאַמענט האָט דער דעפּ. גרינוואָד אינם נאָמען פון דער אָפּאָזיציע פון דער לייבאָר־פּאַרטיי אַריינגעטראָגען אַ פאָרשלאָג, וואָס פעראורטיילט די רעגירונג צוליב איהר אינער־ליכער פּאָליטיק. אונטערהאַלטענדיג זיין פאָרשלאַג האָט דער אָפּאָזיציע - דעפּוטאַט ערקלערט, אַז די פערבעסערטע ווירטשאַפטליכע לאַגע האָט ענגלאַנד צו פערדאַנקען נישט דער פּאָליטיק פון דער רעגי־רונג, נאָר דעם פּלאַן פון דעם גאָלד־פּאַריטעט. די רעגירונג — האָט גרינוואָד געזאָגט — האָט וועניג געטון אויף צו פערקלענערן די אַרבייטסלאָזיגקייט.

מיניסטער בעק צוריקגעקומען קיין וואַרשאַ

וואַרשאַ, 9 (טעלעפאָניש)
קיין וואַרשאַ איז צוריקגעקומען דער אויסערן־מיניסטער יוזעף בעק.

אויפ'ן הויפּט־וואָקזאַל האָבען איהם ערוואַרט דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר פאָן מאָלטקע, וויצע־מיניסטער יאַן שעמבעק, מיניסטער שעטצעל, די־רעקטאָר מיכאַל לוביענסקי, זיין פּערזענלעכער סאַ־קאַלאָווסקי, סעקרעטאַר פון דער דייטשער אַמבאַ־סאַדע פאָן שעליאַ, וואָיעוואָדע יאַראָשעוויטש און פאָרשטעהער פון דער פּרעסע.

דעלעגאַציע פון דער אוקראַאינישער פעראייניגונג אין וואָלין בּיים פּרעמיער

וואַרשאַ, 9 (טעלעפאָניש)
דער פּרעמיער האָט היינט דינסטאָג אויפגענומען אַ דעלעגאַציע פון וואָלינער אוקראַאינישער פעראייניגונג אין די פּערזאָנען פון דעפּ. סקריפּ־ניק און סענאַטאָר מאַסלאָווא. די דעלעגאַציע האָט דעם מיניסטער אָפּגעגעבען אַן'ערקלערונג, אַז די אוקראַאינער אויף וואָלין האָט ווייטער איהר אונ־געענדערטע שטעלונג און האַלט, אַז די אוקראַאינישע פראַגע קען געלעזט ווערען נאָר אין די גרענעצען פון דער פּוילישער רעפּובליק און אַז נאָר אויף דעם וועג וועט די אוקראַאינישע בעפעלקערונג רעאַ־ליזירען איהרע דעזידעראַטען.

דאָס אוקראַאינישע פאָלק וועט געהן צו די וואַה־לען פון נייעם סיים.

18 פערזאָן בעשולדיגט אין אַנטי־מלוכה'שער טעטיגקייט

נייער גרויסער פּאָליטישער פּראָצעס אין טאָמאַשאָוו

טאָמאַשאָוו (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ־רעספּאָנדענט)
נעכטען האָט זיך דאָ אָנגעהויבען דער צווייטער, לויט דער רייה, גרויסער פּאָליטישער פּראָצעס.

דער פּראָצעס ווערט בעטראַכט פון דער אַרויס־פאָהר - סעסיע ביים פּיעטריקאָווער קרייז־געריכט.

אויף דער בעשולדיגונגס־באַנק זיצען 18 אָנ־געקלאָגטע, אין עלטער פון 21—36 יאָהר, דערונ־טער 2 נישט־יודען און דריי מיידלעך. די אַלע אָנ־געקלאָגטע ווערען בעשולדיגט אין קאָמוניסטישער טעטיגקייט.

אַלס פּערטיידיגער טרעטען אַרויס די אַדוואָקאַ־טען: האָניגוויל און ווינאַווער פון וואַרשאַ, שטערנ־פעלד פון טאָמאַשאָוו און אַ רייה אַנדערע.

צום פּראָצעס זענען אַרויסגערופען געוואָרען סיי מצד דער בעשולדיגונג, סיי מצד דער פערטיי־דיגונג העכער 70 עדות.

נאָכ'ן אַדורכלייענען דעם גרויסען בעשולדי־גונגס־אַקט, וועלכער פערנעהמט איבער 30 בויגען מאַשין־שריפט, זענען אָפּגענומען געוואָרען די פּער־סאָנאַליען פון די בעשולדיגטע און עס איז אויסגע־הערט געוואָרען אַלס ערשטער עדות דער פּאָליציי־אַגענט ראָזענבלום.

זיינע ערקלערונגען וועגען יעדען אייגציגען בע־שולדיגטען בעזונדער האָבען געדויערט 4 שעה.

היינט און מאָרגען וועט פאָרקומען דער ווייטער־דיגער עדות־פערהער. דער אורטייל ווערט ערוואַרט פרייטאָג אָדער שבת.

טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי" דיר. דוד צעלמייסטער

היינט, מיטוואָך, 9.30 אָוונט
שטורם פון בעגייסטערונג!
ספּאָנטאַנישע אָוואַציעס!
אַלגעמיינע ענטציקונג!
רופט אַרויס דער גלענצענדער קינסטלער

לודוויק זאַץ

אין זיין גלענצענדע קרעאַציע

„דער גזלן"

טראַגי־קאָמעדיע אין 3 אַקטען (4 בילדער) פון ה. קאַלמאַנאָוויטש
עס נעמט אָנטייל דער גלענצענדער „ראָזמאַיטאָשטשי"־אַנסאַמבל.

(אויסצוג פון די וואַרשאַווער פּרעסע)
מיר זענען אַרויס פון טעאַטער צופרידען!

אויף גוטס איז יעדער אַ מבין!
אָט דערמיט קען מען ערקלערען דעם ריזען־ערפאָלג פון לודוויק זאַץ'ן אויף דער בינע. אַן'אַרטיסט, וואָס בעקומט 600—700 דאָלאַר אַ וואָך גאַזשע אין אַמעריקא — מוז ברענגען „זבאָרען" ווי מען זאָגט אויפ'ן טעאַטער־לשון.

אַ וועלט איז נישט משוגע.
אַן'אַרטיסט, וואָס קאָן מיט זיין געלעכטער אַרויס־רופען טרערען, און מיט טרערען דערוועקען אַ גע־לעכטער ביי אונז — דאָס איז אַ זעלטענהייט.

און ווען אַזאַ אַרטיסט בעוויזט זיך אויף דער סצע־נע, איז קיין חידוש נישט, וואָס ער זיגט אויפ'ן גאַנצען פראָנט, וואָס ער רייסט אונז מיט, וואָס ער שמידט אונז צו צו זיך, וואָס מיר קריגען איהם ליב.

(—) לאַזאַר קאַהאַן (וואַרשאַווער „עקספּרעס")

„באַסטאָן"

די איינציגע הנחה־פאָרשטעלונג
יודישע עקספּערימענטאַלע סטודיע „יונג־טעאַטער" אין וואַרשאַ
קומט פאַר דינסטאַג, דעם 16־טען יולי ד. י. — אָנהויב 9 אָוונט
הנחה־בילעטען 250 — 54 גר. שוין צו בעקומען אין דער באָראַכאָוו־ביבליאָטעק על. קאָשטשושקי 9 יעדען טאָג פון 10—2 און פון 5—10 אָוונט. טעלעפ. 50־191.

אויסטאַנענישע שווייסונגען
מעטאַל־בעאַרבייטע
שלאָסעריי־אַרבייטען
מאַשינען־טיילען
און ווערמצייג
פירט אויס ביליג

J. REDER, Łódź
11־טער ליסטאָפּאַד 13־1

Dr.
M. Wolfson
צוריקגעקעהרט

פאַר גאַלד,
בריליאַנטען
און לאָמבאַרד־קוויטען
צאָהלט די העכסטע פּרייזען
איזידאָר מיאַלקאַ
פּיעטריקאָווער 7.

לאָדזשער יודישער לאַבאָראַטאָריע
און כובּלאַבּאָראַטאָרי־פעראיין
געפינט זיך
אויף פּיעטריקאָווער 31, וו. 22
טעל־38־264

דער סעקרעטאַריאַט איז טעטיג טעגליך, פון 6 ביז 9 אָוונט. ס'ווערען געשריבען בּיטעס ערטיילט עצות, אויסגעגלייכט סכסוכים און געפיהרט כל'ערליי דירות און עקסמיסיע־פּראָצעסען.

Dr. med.
Haltrecht
ספּעציאַל־אַרצט פאַר הויט־און געשלעכטס־קראַנקהייטען
פּיעטריקאָווער 10, טעל. 245-21
צוריקגעקעהרט
נעמט אָן ביז 8[30] פריה, פון 12 ביז 2 מיטאָג און פון 7—9 אָוו. זונטאָג פון 10—1 מיטאָג.
אַלעקטראָ גאַלוואַניזאַציע.
פאַר אונבעמיטעלטע לעמשניצע־פּרייזען
פאַר פרויען אַ ספּעציעלער וואַרטע־זאַל.

Dr. B. ROBINSON
אינערליכע און קינדער־קראַנקהייטען
פּיעטריקאָווער 10, טעל. 131-86.
עמפּפאַנגט פון 2½—1½ פּאָרמ.
און פון 4—5 נאָכמ.
פון 6 אַ זייגער אָן אין קאָלומנאַ, וואַרשאַווסקאַ גאַס, ווילע נייהאַוז.

אַנאַנאַסען
— אין —
פאָלקסבלאַט
האַבּנגראָיס ערפאָלג

בעקאַנטמאַכונג.
דערמיט מאַך איך בעקאַנט, אַז מיין סאָדע־וואַסער־פאַבריק איז איבערגעטראַגען געוואָרען
אויף פּילסודסקיעגאָ 69
יעדע בעשטעלונג ווערט פּינקטליך ערלעדיגט.
ספּעצ. כריינע באַלאַנען וואַסער מיט איין אויף שבת
טעלעפאָן 190-48. מיט אַכטונג פרידוואַלד

אויערען, נאָז און האַלז קליניק
מיט בעטען פון Dr.
Z. Rakowski
פּיעטריקאָווער 67, טעל. 127-81
נעהמט אָן שטענדיגע קראַנקע (צוריק־אָפּעראַציע א. ז. וו., ווי אויך אַמבולאַ־טאָרישע פון 9—2 און פון 4—8 אָוונט

Dr.
Wajnberg
ספּעציאַליסט פאַר לונגען־, האַרץ־ און סקלעראָז־קראַנקהייטען
צוריקגעקעהרט
וואוינט יעצט פּיעטריקאָווער 145, טעל. 126-02.
נעמט אָן פון 9—10 פריה, 3—5, 8—9 אָוו.

פראפאגאנדע-רייזע פון מופטי איבער א"י

נישט פערקויפען ערד צו יודען

ירושלים 9. (יט"א טעלעגראפיש) דער מופטי איז ארויסגעפאהרען אויף א פראפאגאנדע-רייזע איבער ארץ-ישראל. די רייזע איז געווענדעט געגען די יודישע ערד-קניות.

היינט האט דער מופטי געהאלטען א רעדע אין שכם פאר א פילטויזענד קעפיגען עולם אין וועלכער ער האט געפאדערט נישט צו פערקויפען ערד צו יודען, כדי אזוי ארום נישט צו פערשטארקען די שונאים.

קאמיטעט אויסצופארשען די פאלען

פון טעראריזירען אין ענגלאנד יודישע פליטים

לאנדאן, 9 (יט"א טעלעגראפיש) מארגען (היינט) הויבט אן אין לאנדאן די טעטיגקייט א ספעציעלער קאמיטעט, וואס וועט האבען די אויפגאבע צו אונטערזוכען די פאלען פון טעראריזירען אין ענגלאנד די יודישע פליטים פון דייטשלאנד.

גענעראל-סעקרעטאר פון פעלקער-ליגע אין לאנדאן

לאנדאן, 9. (ספ. טעל.) דער גענעראל-סעקרעטאר פון דער פעלקער-ליגע, אווענאל, איז נעכטען אנגעקומען קיין לאנדאן.

וואלקען-ברוך און שטורעמס אין בולגאריען

סאפיא, 9 (ספ. טעל.)

א וואלקען-ברוך אין דער געגענד פון שומען אין מזרח-בולגאריען האט אנגעמאכט שרעקליכע פערוויסטונגען. פיל טייכען זענען ארויס פון די ברעגעס. שומען איז צוליב דער איבערגעריסענער באהן - קאמוניקאציע, אפגעשניטען פון דער איבריגער וועלט. די שטאט זנאווא איז אינגאנצען פערניכטעט געווארען.

אין געוויסע געגענדען איז די פערפלייצונג א גע-וואלדיגע. די איינוואוינער האבען נישט בעוויזען גארנישט אפצוראטעווען פון זייער האב און גוטס און האבען נעמוזט אנטלויפען פון זייערע וואוינערטער. טויזענדער מענשען זיצען טעג דורכאנאנד אויף דעכער פון הויכע הייזער און ביימער.

אין דארף דעוויק איז דער וואלקען-ברוך גע-ווארען בעגלייט פון א מעכטיגען שטורם. אין משך פון 1 שעה זענען פערצייכענט געווארען 27 דונער-שלאגען אין דעם איינעם דארף. א דונער האט גע-טראפען א סטאדע זיך פאשענדיגע שעפסען. 26 שעפסען און 8 פערד זענען דערהרג'עט געווארען אויפ'ן ארט.

געשטארבען דער שריפטשטעלער יצחק פרידמאן

בוענאס-איירעס (יט"א) אין עלטער פון 75 יאהר איז דא געשטארבען דער שריפטשטעלער יצחק פרידמאן.

פרידמאן איז געבוירען געווארען אין לובלין און איז ערשט מיט איניגע יאהר צוריק געקומען קיין בוענאס-איירעס. אין פוילען האט ער מיטגעארבייט אין דער העבראישער צייטונג „הצפירה" און אין די צייטשריפטען פון י. מ. ווייסענבערג.

פרידמאן איז נישט געווען קיין פראפעסיאנע-לער שרייבער. ער איז געווען א גאלדשמיד און גע-שריבען זיינע ווערק נאך דער ארבייט. ער האט פער-עפענטליכט א צאהל ערצעהלונגען אין דער „יודישער צייטונג" און אין חודש-זשורנאל „נייע-ווארט". פרידמאן האט אויך געדרוקט אין שפאנישער אי-בערזעצונג א געוויסע צאהל דערציילונגען אין די ספרדישע צייטשריפטען „לא לוס" און „איסראעל" צווישען זיינע דראמעס, וואס ער האט געשרי-בען אליין אדער צוזאמען מיט אנדערע זענען פאר-האן: „די בעגאבטע", „איך בעשולדיג" און „קא-מעדיאנטען" פון פאליטיק". ער האט אויך געהאל-טען אין שרייבען א ראמאן, וועלכען ער האט נישט בעוויזען צו פערענדיגען.

וואהל-רעזולטאט צום ציונ. קאנגרעס

אין מערב-גאליציען

קראקא 9. (יט"א טעלעגראפיש) לויט די לעצטע בעריכטען פון וואהל-קאמיטעט אין מערב-גאליציען איז צו זעהען, אז פאר דער ליסטע פון וועלט-פארבאנד פון אלג. ציוניסטען זענען אפגעגעבען געווארען 19 טויזענד שטימען. פאר דער ליסטע פאר'ן ארבייטענדען ארץ-ישראל—9 טויזענד מזרחי—5 טויזענד.

גענויער רעזולטאט וועט בעקאנט ווערען מארגען.

ליטעס בעמיהונגען אין לאנדאן

בערלין, 9. (ספ. טעל.) „אסט עקספרעס" מעלדעט פון דער ליטווישער פרעסע, אז מיניסטער לאזאראייטיס, וועלכער האט לעצטענס אין פאריז קאנפעריר'ט מיט'ן פרעמיער לאוואל, וועט איינציכען ווידער ארויספאהרען קיין לאנדאן.

געשטארבען דער זשורנאליסט לעסקי

ווארשא, 9 (יט"א טעלעגראפיש)

נאך א קורצער קראנקהייט איז היינט אין עלטער פון 45 יאהר געשטארבען דער בעוואוסטער יודישער זשורנאליסט קאפראווסקי, בעקאנט אונטער'ן פסעוודאנים לעסקי.

גרויזאם פערפלייצונגס-אומגליק אין כינא

4.400 הייזער אפגעווישט פון דער אויבערפלאך. — 20.000 מענשען זענען געבליבען אהן א היים. — א גרויסע צאהל אומגעקומענע.

לאנדאן, 9 (ספ. טעל.)

פון שאנכיי מעלדעט מען, אז די שטארקע גאס-רעגענס האבען פערארזאכט, אז דער טייך יאנג-טסע-קיאנג האט אויסגעגאסען, די פערפלייצונג האט אנגענומען דראהענדע פארמען. ספעציעל שטארק האט געליטען די פראווינץ קינאנדסי. כמעט א העלפט פון דער דאזיגער גרויסער פראווינץ איז פערוואס-דעלט געווארען אין א גרויסען טייך. אויפ'ן טייך פאיאנג און אויפ'ן קאן האבען געפלאצט די טא-מעס, צוליב וואס די איינריכטונגען אויף די ווייטע און נאהענטע ארומיגע שטחים זענען שטארק בע-שעדיגט געווארען.

קיין נאנטשאנג קומען אן אונאויפהערליכע גרוי-סע מאסען פליטים, וועלכע ראטעווען זיך, טויזענ-דערווייז, פון דער שרעקליכער פערפלייצונג.

די בעפעלקערונג איז פעראריימט געווארען אויף אנ'אונבעשרייבליכען אופן.

דאס כסדר-שטראמענדיגע וואסער פון די אויס-געגאסענע טייכען האבען שוין חרוב געמאכט 4400 הייזער. בלויז אין איין געגענד האבען 20.000 מענ-שען פערלוירען זייערע היימען. די גרויס פון דער צאהל הרוגים צוליב דער פערפלייצונגס - קאטאס-טראפע, איז איצט נאך אונמעגליך פעסטצושטעלען.

די באהן-קאמוניקאציע צווישען האנקאו און פעקין איז איבערגעריסען.

גריכענלאנד אויפ'ן שייד-וועג

צי וועט פאלען די רעפובליקאנישע ארדנונג

אטען, 9 (ספ. טעל.)

דא קורסירען קלאנגען, אז דער פרעזידענט פון דער גריכישער רעפובליק האט, נאך דער רעדע פון גענעראל קאנדילים וועגען איינפיהרען א מא-נארכיע אין לאנד, בדעה זיך אפצוזאגען פון זיין פרעזידענטען - אמט. לויט געוויסע קרייזען, זענען די דאזיגע קלאנגען נישט קיין ריכטיגע. מ'דארף דערביי צוגעבען, אז דער פרעזידענט האט אין זיינע געשפרעכען מיט די רעגירונגס-מיטגלידער אין די לעצטע טעג געזאלט אונטערשטרייכען, אז אין אינ-טערעס פון דער אינערליכער רוה אין לאנד איז נויט וועגדיג איינצוהאלטען די רעפובליקאנישע ארדנונג אין גריכענלאנד און צו דעם צוועק צו מאכען די גרעסטע אנשטרענגונגען.

אטען, 9 (ספ. טעל.)

אויף דער זיצונג פון דער נאציאנאל-פערזאמ-לונג דעם 6 ד. ח. האט די גריכישע רעגירונג פאר-געשטעלט דעם פראיעקט בנוגע דער דורכפיהרונג פון פלעביסציט וועגען ענדערן די מלוכה-ארדנונג אין גריכענלאנד.

אין דעם פראיעקט ווערט צוו. אנד. געזאגט, אז די פינפטע נאציאנאל-פערזאמלונג דעצידירט, אז עס וועט פארקומען א פלעביסציט, בעת וועלכען דאס פאלק וועט דארפען זיך ארויסזאגען פאר איינהאל-טען די איצטיגע רעפובליקאנישע ארדנונג אדער, צי עס זאל רעסטאווירט ווערען דאס קאנסטיטוציא-נעלע קעניגרייך מיט סיסטעם פון פארלאמענטארי-שע רעגירונגען. מיט דער אידעע פון רעסטאווירען דאס קעניגרייך איז ענג פערבונדען דאס צוריקקעה-רען זיך קיין גריכענלאנד די געוועזענע קעניגליכע דינאסטיע. 40 טעג פארן פלעביסציט וועט ערשיי-נען א דעקרעט וועגען די בעדינגונגען פון פלעבים-ציט.

שטורמיסטען-שעף לוטצע האט גערעדט

בערלין, 9 (ספ. טעל.)

דער „פעלקישער בעאבאכטער" האט אויף דער ערשטער זייט אפגעדרוקט א רעדע פונם שעף פון שטורמיסטען-שטאב, לוטצע, וועלכע ער געהאלטען בעת א מאניפעסטאציע אין מינסטער. לוטצע האט אזוי גע'דרשנ'ט: „ווער עס בעקעמפט אונז, דעם ווילן מיר אפווישען; ווער עס וועט אונז פראוואצירען, דעם וועלען מיר אטאקירען. די קירכליכע אינסטי-טוציעס האבען נישט קיין רעכט צו אטאקירען אדער צו סאבאטירען די נאציאנאל-סאציאליסטען. מיר גלויבען אין דער גערעכטיגקייט פון אונזער וועלט-אנשויאונג און אין דעם טויזענד-יעהריגען דייטשען רייך" –

קינדער-עליה פון דייטשלאנד

חיפה. (יט"א) דא זענען אנגעקומען 62 קינ-דער פון דייטשלאנד, וועלכע זענען אויפגענומען געווארען דורך פרוי הענריעטע שאלד. די קינדער זענען איינגעארדענט געווארען אין די קאלאניעס פון עמק און גליל.

„נחלה מילוואקי"

5 ניו-יארק. (יט"א) די יודישע ארגאני-זאציעס אין מילוואקי האבען זיך פערפליכטען צו זאמלען אין משך פון די נעכסטע 5 יאהר 50.000 דאלאר אויף צו קויפען באדען אין ארץ-ישראל פאר א קאלאניע א. נ. „נחלת מילוואקי", וואס וועט זיין בעשטימט פאר 600 משפחות.

5.000 דאלאר זענען שוין אויף דעם צוועק געזאמעלט געווארען. דאס איז דער ערשטער פאל אין אמעריקא, ווען יודען פון איין שטאט פערפליכטען זיך צו גרינדען א קאלאניע אויף זייער נאמען אין ארץ-ישראל.

Dr.
Wołkowyski
האט זיך איבערגעזידעלט אויף
ציגעל-גאס 11, טעל. 238-02
נעמהט אן אין הויט- און ווענערישע
קראנקהייטען. מענער-שוועכע
פון 8–11 בייטאג און פון 4–9 אווענד

Dr. med. H. LUBICZ
פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראנקה.
צעגעלניאנא 7 (פריהער 43), טעל. 114-32
עמפפאנגס-שעה'ן 8–10, 12–2 און 5–8 אווענד
זונטאג פון 9–11 בייטאג און יום-טוב פון 9–1.
פאר דאמען — א בעזונדערער ווארטע-זאל.

א ביל צו דעפארטירען 6 מיליאן אימיגראנטען פון אמעריקע

די אמעריקאנער רעגירונג ענטשיידען געגען דער אנטי-אימיגראנטען-העצע

וואשינגטאן. (יט"א) קאנגרעסמאן מארטין רייעס פון טעקסאס, וועלכער פיהרט אן צוזאמען קאנגרעסמאן בלאנטאן מיט דער אקציע געגען „פרעמדע" אין אמעריקא איז איצט ארויסגעטרעטען מיט א פארשלאג צו דעפארטירען 6 מיליאן אימי-גראנטען, וועלכע האבען נאך ביז איצט נישט ערהאלטען קיין בירגערשאפט, ארום דעם פארשלאג הערט געטר.בען א ברייטע דעמאגאגישע אגיטאציע. קאנגרעסמאן רייעס בעהויפטעט, אז אמעריקא וואלט נישט געוואוסט וועגען ארבייטסלאזיגקייט, ווען די וואלט נישט געהאט ביי זיך אזוי פיל „אויס-לענדער". קאנגרעסמאן רייעס ערקלערט, דאס זיין פארשלאג ווערט געשטיצט דורך 155 ארגאניזאציעס מיט א מיטגלידערשאפט פון 5 מיליאן „אמע-ריקאנער", ער וויל אבער ענטוויקלען פאר דעם ענין, א בעוועגונג א.נ. „די אמעריקאנער", וואס זאל ארומנעמען מינדעסטענס 10 מיליאן מענשען.

אין א געשפרעך מיט פרעסע-פארשטעהער האט קאנגרעסמאן רייעס געשילדערט זיין פראיעקט, וועלכער בעשטעהט פון פאלגענדע 5 פונקטען: 1) נישט אריינלאזען מעהר קיין אימיגראנטען, וואס האבען נישט אין אמעריקא קיין קרובים, 2) דעפארטירען גלייך 3 מיט א האלבען מיליאן איינ-וואנדערער, וועלכע זענען אונגעזעצליך אריינגעקו-מען אין לאנד, 3) אלע אויסלענדער מוזען בעקומען ארבייטס-שיינען, ערלויבנישען צו ארבייטען זאלען ארויסגעגעבען ווערען אויסלענדער נאר אין דעם פאל, ווען זייערע ארבייטס-געבער שטעלען צו בע-וויזען, אז זיי קענען נישט געפינען קיין אמעריקא-נער ביהנער פאר די דאזיגע בעשעפטיגונגען, 4) די 4 מיליאן אויסלענדער, וואס זענען געזעצליך אריין אין לאנד און זענען נאך נישט קיין אמעריקאנער בירגער זאלען בעקומען א יעהרליכען טערמין אויף צו בעקומען די בירגערשאפט, אדער פערלאזען די פעראייניגטע שטאטען, 5) ווען די צייטען וועלען זיך בעסערן, זאלען נאטוראליזירטע בעקומען דאס רעכט אריבערצובריינגען זייערע קרובים אין איי-ראפא.

וואשינגטאן (יט"א) די אקציע פון קאנג-רעסמאן רייעס האט ארויסגערופען פיל פראטעסטען מצד די פארשריטליכע אמעריקאנער ארגאניזא-ציעס. א פראטעסט-בריף געגען דעם ביל פון קאנג-רעסמאן רייעס האט ארויסגעשיקט צום ניו-יארקער קאנגרעסמאן א'קאנאר דער פארזיצער פון דער „נא-ציאנאלער ליגע פאר אמעריקאנער בירגערשאפט" ג. פיליפס.

אויף דער איינלאדונג פון דעם פארזיצער פון דער אימיגראציע - קאמיסיע פון רעפרעזענטאנטען-הויז קאנגרעסמאן דיקשטיין האט דער רעגירונגס-קאמיסאר פאר אימיגראציע און קאלאניזאציע קור-נעל מעקקארמעק ארויסגעטרעטען אין דער קאמי-סיע מיט א רעדע, אין וועלכער ער האט שארף פער-אורטיילט די ווילדע העצע וואס ווערט געטריבען געגען די אימיגראנטען. עס ווערט איצט געטריבען אין לאנד א העצע געגען „פרעמדע" — האט ערקלערט מעקקארמעק — וועלכער" ריהרט אן דירעקט אדער אונדירעקט א דריטעל פון דער גאנצער בעפעלקע-רונג אין אמעריקא, ווייל פון יעדע דריי אמעריקא-נער איינוואוינער איז איינער געבוירען געווארען אין אויסלאנד אדער פון אויסלענדישע עלטערן. כדי ארויסצורופען די נויטיגע שטימונגען בענוצט מען זיך מיט ציפערן וועגען „פרעמדע", וועלכע שטיצען זיך נישט אויף קיין שום בעווייזען און זע-נען נישט מעהר ווי „פאנטאסטישע איבערטריי-בונג". מעקקארמעק האט בעטאנט, אז די דאזיגע פאלשע אינפארמאציעס ווערען אין דער פרעסע און צווישען די מיטגלידער פון קאנגרעס בכיון פער-שפרייט פון א געוויסער קוועלע. די פעלשער פון די ציפערן גיבען אן די צאהל פרעמדע אין די פעראיי-ניגטע שטאטען אויף 6 ביז 20 מיליאן. פאקטיש בעטרעפט זייער צאהל נישט מעהר ווי 4.922.000 פון וועלכע 1.500.000 האבען שוין דירעקט אדער דורך זייערע עלטערן ארויסגענומען די „ערשטע פא-פירען" פאר אמעריקאנער בירגערשאפט. פולשטענ-דיג אויסגעטראכט איז אויך די צאהל 3 און א האלב מיליאן אונגעזעצליכע אימיגראנטען. לויט דער גע-נויעסטער אויסרעכנונג בעטרעפט די צאהל אונלעגאלע אימיגראנטען אין לאנד, וועלכע דארפען לויטן געזעץ דעפארטירט ווערען ווייניגער ווי 100.000. די אלגעמיינע צאהל אונלעגאלע אריינגעקומענע צוזא-מען מיט די, וועלכע קענען נישט, נאך אזוי פיל יאהרען, צושטעלען די נויטיגע דאקומענטען פון זייער לעגאלען אריינקומען בעטרעפט ווייניגער ווי 400.000. צום סוף האט דער רעגירונגס-קאמיסאר אין שארפע ווערטער געטאדעלט די פאלשע בעהויפ-טונגען, וואס קענען אנצינדען דעם פייער פון העצע אונטאלעראנץ און אנטאגאניזם פון איין טייל פון דער בעפעלקערונג געגען דעם צווייטען".

—=—

לאדז, 10 יולי 1935

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז, 10 יולי 1935

די נייע ענגליש־דייטשע פריינדשאפט

עס האט זיך אויסגעקייטעלט א פריינטשאפט צווישען דער דעמאקראטישער ענגלאנד און היטלערס דייטשלאנד. לאנדאן האט געשלאסען א פלאט־אפמאך מיט בערלין, די נאצים וועלען קאנען האבען א היפשען פלאט. אמת, אקעגען דעם ענגלישען פלאט וועט דער דייטשער זיין קליין — בלויז איבער א דריטעל; אבער, ערשטענס, דארף ענגלאנד האלטען איהרע קריגס־שיפען אויף אלע זיבען ימים, דייטשלאנד בלויז אין א פערהעלטנישמעסיג בעגרעניצטען שטח, אין דעם נארד־ים און אין דעם באלטישען. ווייטער וועט דער נייער דייטשער פלאט גארנישט זיין קליין אין פערגלייך מיט דעם פראנצויזישען, און ער וועט זיין זעהר גרויס אקעגען דעם פלאט פון דעם סאוויעטען־פערבאנד, וואס האט ביז איצט גאר א קנאפע צאהל קריגס־שיפען.

עס זענען דא נאך אנדערע סימנים פון לאנדאנס גוטסקייט צו היטלערן.

דער ענגלישער קרוינפרינץ שיקט במעט א קוש צו די דייטשען איבערן ים — אין א רעדע פאר ענגלישע קריגס־וועטעראנען. די ענגלישע פרעסע איז אויך ווייך ווי פוטער צום נאצי־לאנד. א דעלעגאציע פון דייטשע מלחמה־וועטעראנען ווערט אין ענגלאנד אויפגענומען מיט פויקען, טאסטען און ווארימע האנד־דריקענישען. מיט איין ווארט — ברידער און שווין!

זענען דא פערשידענע דערקלערונגען פאר דעם אלעם.

איינע איז: ענגלאנד האט זיך איבערציוגט, אז סיי־ווי קאן מען נישט מעהר צווינגען דייטשלאנד צו פאלגען דעם ווערסאילער אפמאך, איז דעריבער בעסער צו זיין קליגער ווי פרומער און פועל'ן ביי היטלערן ער זאל כאטש בעגרעניצען דעם פלאט.

די צווייטע אורזאך:

היטלערס בויען א פלאט קאן גאנץ גוט צונוץ קומען ענגלאנד אויך. וואו וועט דייטשלאנד קויפען די נויטיגע בעוואפענונגען? זי וועט מוזען אנקומען צו ענגלאנד, וואס איז בכלל דער צענטער פון דער וואפען־אינדוסטרי אין דער וועלט. און עס שטעלט זיך ארויס, אז די סאמע וויכטיגסטע לייט אין ענגלאנד זענען מיט דער קעשענע פעראינטערעסירט אין אט דער נאבעלער אינדוסטרי. מיטגלידער פון ענגלישען קאבינעט, דעם ענגלישען קעניגס שוועסטער־קינד און אנדערע קרובים, און אויך ענגלישע גייסטליכע צווישען זיי א בישאף, האבען היפשע אקציעס אין דער וואפען־פראדוקציע.

דערווייל איז מען אבער אין א סך אייראפעאישע הויפט־שטעט שטארק צעדודערט.

אין פאריז, למשל, געהט מען ארום מיט אראפגעלאזטע נעז, לאנדאנס פריינטשאפט צו בערלין מאכט אין תוך א תל צו דער אלטער אליאנץ צווישען פראנקרייך און ענגלאנד.

דער פאקט איז, אז אין דער קייט, וואס האט געהאלטען צוזאמען פאריז מיט לאנדאן פאר די לעצטע 25 יאהר, איז פארגעקומען אנ'ערנסטער ריס.

נאר אומרוהיג איז מען אין מאסקווא, און דאס אוודאי מיט רעכט. דער נייער דייטשער פלאט, און ספעציעל די נייע אונטערוואסערשיפלעך קאנען לייכט קומען אין דעם באלטישען ים און ווערען א גרויסע געפאהר פארן סאוויעטען־פערבאנד, וואס גרעניצט מיט דעם באלטישען ים. אויך קאנען זיי לייכט פערטיג ווערען מיט די קלענערע באלטישע מלוכות, וואס זענען אמאל געוועזען רוסישע גובערניעס, און אזויערנאך קריגען א שטארקען צוטריט צום ראטען־לאנד גופא. פון דעם מאסקווער שטאנדפונקט מיינט לאנדאנס פריינטשאפט צו בערלין, און בעזונדערס די דערלויבעניש צו בויען א היפשען דייטשען פלאט, נישט מעהר און נישט ווייניגער, ווי אז ענגלאנד שטיצט — דערווייל אינדירעקט — היטלערס אנפאל־פלענער אויף דעם ראטען־פערבאנד.

ענגלאנדס אנטי־סאוויעטישקייט מיינט אויך היינט אין א בעשטימטער מאס אנטי־פראנצויזישקייט. איז דאך סאוויעטען־פערבאנד פראנקרייכס שותפ'טע. ביזטו א שונא פון מיין פריינט — ביזטו אויך מיין שונא אבער לאנדאן זעהט עס נישט אזוי, לאנדאן האט געשיקט דעמזעלבען סער אנטאני אידען צו איבערצייגען די פראנצויזען, אז דער פלאט־אפמאך מיט דייטשלאנד איז גאר א טובה פאר פראנקרייך און אפילו פאר סאוויעטען־רוסלאנד, און געפרובט צו בעוועגען פראנקרייך, אז זי זאל אליין ווערען פריינטליכער מיט דייטשלאנד, און דווקא דא, קאן זעהר זיין, זאל די פראנצויזישע רעגירונג זיך „לאזען ריידען."

דער אמת איז, אז פיער לאוואל, וואס איז איצט אי פרעמיער, אי אויסלאנדס־מיניסטער, איז שטארק פאר א פערשטענדיגונג מיט היטלער־דייטשלאנד. די פראנצויזישע מאסען האבען אבער אנ'איינגעווארצעלטען אומצוטרוי צו דייטשלאנד בכלל, און דאס דאזיגע געפיהל איז געווארען נאך שטארקער מיט דער בעשאפונג פון דעם נאצי־רעזשים.

מעגליך, אז עס וועט נישט קומען דערצו. נאר עס איז פונקט אזוי מעגליך, אז די פראנצויזישע רעגירונג — דאס הייסט, די פראנצויזישע באנקירען און גרויס־אינדוסטריעלער — זאלען איינזעהען, אז עס לוינט זיך זיי בעסער צו זיין אויף דער זייט פון דייטשלאנד און ענגלאנד, ווי אויף דער זייט פון סאוויעטען־פערבאנד קעגען יענע ביידע, וואס פאר א ווערט די פריינטליכע זשעסטען פון לאנדאן צו מאסקווע האבען, ווייסען מיר שוין.

מען טאר נישט ארויסלאזען פון אויג אט־וואס: פון אנהויב אן און נאך פריהער איז עס געווען היטלערס פאליטיק צו שאפען א ריס צווישען די אייראפעאישע מלוכות און, דער עיקר, אפצוטיילען ענגלאנד פון פראנקרייך. דער פלאט־אפמאך צווישען לאנדאן און בערלין בעווייזט, אז דאס איז דעם נאצי־דיקטאטאר געלונגען אין א זעהר גרויסער מאס. איידער ער וועט געהן ווייטער אויף דעם וועג, דאס הייסט, ביז דעם מאמענט, ווען ענגלאנד וועט זיין אנ'אפענע שותפ'טע היטלערס אין א צוג געגען סאוויעטען־פערבאנד, קאן מען אין פאריז גאנץ לייכט איינזעהען, אז עס לוינט זיך נישט צו בלייבען אליין מיט דער באלשעוויסטישער מלוכה ווי די איינציגע שטיצע. די אונאויפהערליכע דעקלאראציעס היטלערס, אז ער האט גאר נישט צו פראנקרייך. אז אלע דייטש־פראנצויזישע גרעניצען זענען איצט גילטיג אויף אייביג. ווי אויך אהן א שיעור אזוינע רייד מצד געהרינגען און אנדערע נאצי־מאכערס — דאס אלץ האט דעמזעלבען צוועק: צו רופען אלע אימפעריאליסטישע מלוכות אין א הייליגען קריג געגען דער מלוכה פון דעם „גאט־לאזען קאמוניזם". צו זאגען, אז אין פראנקרייך קאן מען נישט געפינען אנהענגער פאר אזא נאבעלער אויפגאבע, דארף מען זיין פאליטיש א קינד.

און — דער סטאלין־לאוואל אפמאך שפילט דא נישט קיין שום ראליע, האט א זעהר קנאפען ווערט.

ענגלאנדס דערנעהנטערונג מיט היטלער־דייטשלאנד איז פון וועלט־היסטארישער בעדייטונג. צום אומגליק איז אט די בעדייטונג גוט פאר די נאצים, גוט פאר אלע פינסטערע כוחות, במילא איז זי א טראגעדיע פאר אלע אונטערדריקטע פעלקער־מאסען פון דער וועלט.

א. גראנץ.

דער היטלער־רעזשים האט פולשטענדיג צושמעטערט

די דייטשע פראפעסיאנעלע ארבייטער־בעוועגונג

דאס דייטשע סאציאל־דעמאקראטישע וואכענבלאט „נויער פארווערטס", וואס ערשיינט אויף דער עמיגראציע, פערעפענטליכט אנ'אינטערעסאנטען איבערזיכט פון דער נאציאנאל־סאציאליסטישער ארבייטער־פאליטיק פון מאמענט, ווען די פראפעסיאנעלע פעראיינען זענען אויפגעלעזט געווארען ביז צום היינטיגען טאג.

מיט'ן מאמענט, ווען די דייטשע פראפעסיאנעלע פעראיינען זענען ליקווידירט געווארען האבען זיך 22 מיליאן ארבייטער און אנגעשטעלטע, אהן זייער ווילען, מיט אמאל געפינען אונטער'ן צוואנג פון „דייטשען ארבייטס־פראנט", וואס זיין געשיכטע איז א לאנגע רייהע אונערפאלגען, מפלות און פעהלערן. דער קאלאסאלער בעאמטען־אפאראט איז בעזעצט געווארען דורך יונגע נישט קוואליפיצירטע מיטגלידער פון דער נאציאנאל־סאציאליסטישער פארטיי. אונפעהיגקייט, קארופציע, און פערשוועדונג פון געזעלשאפטליכען געלט, דערמיט האבען זיך אויסגעצייכענט די נייע „ארבייטער־פיהרער". אין זיין אונבעהאלפענקייט מאכט דעם לייטער מיט „דאפ" (דויטשער ארבייטס־פראנט) ד"ר ליי כסדר עקספערימענטען איינפיהרענדיג איין רעפארם נאך דער צווייטער. אין 1934 האט זיך בעוויזען א בעפעהל פון היטלער'ן, אין וועלכען די צילען און אויפגאבען פון „דאפ" „ווערען פעסטגעשטעלט אויף אייביגע צייטען". אבער שוין אין א יאהר ארום האט ליי געמוזט זיך צופאסען צום אפמאך, וואס איז געשלאסען געווארען מיט שאכט'ן, און אין וועלכען א סך „אייביגע פונקטען" האבען געמוזט אדורכגעלאזען ווערען. איצט זאל אריין אין קראפט שאכט'ס פלאן פון 26 מערץ 1935. אויף א פערזאמלונג פון דער הויפט־אניפיהרונג פון „דאפ" האט ליי ערקלערט, אז אין דער צוקונפט וועט זיך דער בנין פון דער נאציאנאל־סאציאליסטישער מלוכה שטיצען אויף דריי מעכטיגע זיילען: דער פארטיי, ווערמאכט און ארבייטס־פראנט. דערנאך האט ער סקעפטיש צוגעגעבען: „די גרעסטע שוועריגקייט אין רעאליזירען די דאזיגע אויפגאבען פליסען נישט ארויס פון די אויפגאבען אליין, נאר פון דער אונפעהיגקייט פון די מענשען". עס האנדעלט זיך דא וועגען דעם, „וואס דער מארקסיסטישער סם, וואס איז יאהרען־לאנג געגאסען געווארען, קען ווידער ביי דעם אדער יענעם אנהויבען זיין ווירקונג".

ביי אזא לאגע האט ליי אנגעזאגט די שאפונג פון דער „דייטשער ארבייטער־קאמער", וועגען וועלכער היטלער האט זיך פארזיכטיג אויסגעדריקט, אז ס'וועט זיין „קיין מתנה פאר די ארבייטער".

די פיהרער פון די ארבייטער־קאמערען ווערען נאמינירט; די קאמערען בעשטעהען פון געצאהלטע מיטגלידער פון דער נאציאנאל־סאציאליסטישער פארטיי, וועלכע זענען גלייכצייטיג בעצאהלטע בעאמטע פון „דאפ". די ארבייטער און אנגעשטעלטע, וואס שטעהען אין סאמע צענטער פון דער ארבייטער־בעוועגונג, וועלען אין די קאמערען נישט רעפרעזענטירט זיין. די קאמערען, וואס זענען הערמעטיש אפסעפארירט פון ארבייטער־לאגער, האבען נישט קיין דעה אין די פראגען פון דער סאציאלער פאליטיק, נאר זיי מוזען זיך בענוצען מיט דער איניציאטיוו און הילף פון די דייטשע ווירטשאפטליכע קאמערען. די ווירטשאפטליכע קאמערען בעשטעהען אבער אויסשליסליך פון ארבייטס־געבער, וואס קענען נאטירליך נישט פערטיידיגען די אינטערעסען פון די ארבייטער.

דער אומשטאנד, אז די ארבייטער־קאמערען זענען פערמשפט געווארען אויף אונטעטיגקייט איז גורם, אז די ווירטשאפטליכע קאמערען האבען בעקומען די פולע איניציאטיוו סיי אין ווירטשאפטליכע ווי אויך אין ארבייטער־פראגען. ביי אזעלכע בעדינגונגען, ווי אזעלכע פראגען ווי די לענג פון ארבייטס־טאג, בעלוינונג פאר די שעה'ן א.אז.וו. רעגולירט לויט דער איניציאטיוו פון די ארבייטס־געבער.

די אויפגאבע פון ארבייטס־פראנט איז, לויט ליי'ס לעצטע פראקלאמאציע: 1) ענטוויקלען די פרינציפען פון הארמאנישער צוזאמענארבייט צווישען די ארבייטסגעבער און ארבייטער, 2) שאפען א פארשונגס־אינסטיטוט, בכדי פעסטצושטעלען א „גערעכטען לוין", 3) שאפען אנ'עהרען־ און דיסציפלין־געריכט ווי אויך 4) שאפען א מוסטערהאפטע אונטערנעהמונג.

עס איז אלזא נישט קיין וואונדער, וואס די ארבייטער רופען דעם אפצאהל פאר „דאפ" דעם שטייער אויסצוהאלטען „דעם שטאב היטלעריסטישע בעאמטע".

דער „ארבייטער־פראנט" איז נאר פארמעל אנ'ארבייטער־פעראייניגונג. אין דער ווירקליכקייט קען ער נישט האבען קיין פרעטענסיעס צו רעפרעזענטירען די אינטערעסען פון דער ארבייטס־וועלט. נישט קוקענדיג אויף דעם שטארקען טעראר קומען אויף די פערזאמלונגען א נישטיגע צאהל ארבייטער און די רעפערענטען מוזען אפט רעדוצירען פון זייערע רעדעס. די רעפערענטען ווערען געשטעלט אין זעהר אנ'אונבעקוועמער לאגע דורך די פראגען פון די ארבייטער. געוועהנליך פערשווייגען זיי די פראגען, ווייל וואס קענען זיי ענטפערען אויף דער פראגע וועגען דער הויך פון די פענסיעס פאר די דעפוטאטען פון רייכסטאג אדער די קאלאסאלע פענסיעס פון די פארטיי־בעאמטע? דער ארגאניזאציע־אפאראט ארבייט זעהר שלעכט. קארטאטעקעס, וואס ערשט נעכטען האט מען זיי איינגעפיהרט, ווערען שוין היינט אפגעשאפט, כדי איינצופיהרען נייע אויף א נישט לענגערע צייט; דאס איינמאהנען דעם מיטגלידס־ביטראג קומט אן זעהר שווער, די אונטערשטיצונגען זענען מינימאלע, אין פערגלייך מיט די סובסידיעס, וואס עס פלעגען בשעתו ערטיילען די פראפעסיאנעלע פעראיינען. די דרוקער ארבייטער למשל, האבען פריהער בעקומען 70 מארק א חודש אין משך פון 40 וואכען; איצט בעקומען זיי 30 מארק א חודש אין משך פון 16 וואכען. דער וועכענטליכער מיטגלידס־אפצאהל פון ארבייטער אין דער הויך פון 1,40 מארק ווערט אין 60 פראצענט פערנוצט אויף אויסצוהאלטען די נאציאנאל־סאציאליסטישע פערוואלטונג.

אזוי ארום איז צושטערט געווארען דער פריערדיגער בנין פון די דייטשע פראפעסיאנעלע פעראיינען. אויף זייער ארט זענען געשאפען געווארען אינסטיטוציעס, וואס זייער ציל איז נישט צו פערטיידיגען די אינטערעסען פון די ארבייטער, נאר צו געווינען די ארבייטענדע מאסען פאר'ן נייעם רעזשים.

פאסטערס ערשטער פאציענט

50 יאהר נאך דער ענטדעקונג פון דער איינשפריצונג געגען א ביס פון א משוגענעם הונד

עס זענען נישט לאנג נאך די צייטען, ווען א מענש, וואס איז געביסען געווארען פון א משוגענעם הונד איז געווען פערמשפט צום טויט. עס איז געווען א פולשטענדיג זיכערער פאקט, אז מיט'ן מאמענט, ווען עס האבען זיך ביים מענש בעוויזען די ערשטע סימנים פון דער קראנקהייט איז זיין גורל געווען אונפערמיידליך פער'חתמ'עט. אין משך פון איינעם טעג איז דער אומגליקליכער קראנקער געשטארבען. די מעדיצין איז אין אזעלכע פאלען געווען הילפלאז. ס'איז זיך דעריבער לייכט פארצושטעלען די טויטליכע שרעק פון די מענשען, וואס זענען געביסען געווארען פון משוגענע הינט. זיי האבען גאנץ גוט געוואוסט, וואס זיי ערווארט און ערשט דער טויט האט זיי בעפרייט פון זייערע קוואלען. די וואונדען פון די שארפע ציינער פון הונד, האט מען געברענט מיט אנגעגליהטע אייזען. מען האט אויסגעשניטען גאנצע שטיקער פלייש, בענוצט פערשידענע מיטלען, עס האט אבער גאר נישט געהאלפען.

און עס איז נישט בעוואוסט ווי לאנג עס וואלט נאך געדויערט די קוואלען פון די אומגליקליכע, ווען נישט דער זשעני פון לודוויק פאסטער. אין א בעשיידענעם לאבאראטאריום אויף דער גאס אולם אין פאריז, האט ער צוזאמען מיט זיין געטרייען מיטארבייטער ד"ר רו געמאכט זיין גענייאלע ערפינדונג. פאסטער האט זיך איבערציוגט אז דער מוח און רוקען־מארך פון די משוגענע הינט ענטהאלטען אין זיך א ריזיגע צאהל געהיימניסעפולע פארן אויג נישט זעהעוודיגע מיקראבען. עס איז גענוג, אז א אומבעדייטענדער טייל פון אזא פערגיפטעטען טייל פון רוקען־מארך זאל אריינקומען אין מח פון א הונד אדער קראליק, אז עס זאל תיכף ארויסגערופען ווערען די שטערבליכע קראנקהייט. נאך לאנגזאמע פארשונגען איז פאסטער געקומען צו דער איבערצייגונג, אז איינשפריצענדיג אין א געזונדען ארגאניזם א געהעריג פרעפארירטען גיפט פון א משוגענעם הונד, ווערט דער ארגאניזם געשיצט געגען דער ווירקונג פון א ביסז פון א משוגענעם הונד.

די איינשפריצונג האט געדינט נישט נאר אלס פערהיטונגס־מיטעל, נאר מען האט מיט איהר אויך געקענט היילען א קראנקען. מען האט שוין פון לאנג געוואוסט, אז פון מאמענט ווען דער מענש איז געביסען געווארען, ביז צום מאמענט, ווען די קראנקהייט טרעט ארויס, געהט אדורך א געוויסע צייט, טיילמאל ביז צוויי חדשים, אזוי לאנג געדויערט ביז דער גיפט געהט אדורך דעם וועג פון דעם ארט, וואו דער מענש איז געביסען געווארען ביז צום מוח און רוקען־מארך וואו עס געפינט זיך די אייגענטליכע נעסט פון דער קראנקהייט.

דאס פראבלעם איז אלזא געווען געלעזט. יעדענפאלס פאר חיות. קיינער האט אבער נישט געטראכט וועגען דעם, אז מען זאל די דאזיגע ראדיקאלישע מעטאדע אנווענדען אויך אויף מענשען. פאסטער האט זיינע פרובען אדורכגעפיהרט נאר אויף חיות און ער האט זיי אבסערווירט א לאנגע צייט, וועלענדיג זיך איבערצייגען צי די איינשפריצונג האט א ראדיקאלע ווירקונג.

אין 1885 איז קיין פאריז געקומען אנ'אלטע פרוי, וואס האט מיט זיך געבראכט א ניין יעהריג יונגעל. דאס יונגעל האט געהייסען יוזעף מייסטער און איז געהאט געביסען געווארען פון א משוגענעם הונד. דאס יונגעלע האט געהאט אויפ'ן קערפער 14 וואונדען פון ביסען. די מוטער פון יונגעל האט געהערט, אז אין פאריז איז עפעס פערהאן א געוויסער פאסטער, וואס זאל כלומרשט היילען פון דער דאזיגער קראנקהייט. אין פאריז האט אבער קיינער נישט געוואוסט. ווער דאס איז אזוינס פאסטער, און וואו ער וואוינט. וועגען דער גאנצער ענטדעקונג פון פאסטערן האט זיך דאן געהאט בעוויזען אין די פאריזער צייטונגען א מעלדונג פון אייניגע פעטיט־שורות, אין וועלכער עס איז געזאגט געווארען, אז א געוויסער פאסטער האט צוגעשטעלט דער פראנצויזישער אקאדעמיע אנ'אינטערעסאנטע ארבייט וועגען משוגעת ביי הינד.

די פרוי מיט'ן קינד האבען שעה'ן לאנג געווארט אין די אמבולאטאריעס פון די פאריזער שפיטעלער, פרעגענדיג זיך אלץ אויף פאסטער'ן. די דאקטוירים האבען ערקלערט, אז זיי קענען נישט אזא דאקטאר און אויב אפילו צו איהם אהינגעהן וועט ער איהר אויך נישט קענען מעהר העלפען ווי אין שפיטאל, דאס הייסט — גארנישט. עס האט זיך אבער געפינען א יונגער דאקטאר וועלכער האט צופעליג געוואוסט, אז פאסטער ארבייט אין א בעשיידענעם לאבאראטאריום אויף דער אולם גאס.

באלד דערנאך איז דער קליינער יוזעף מייסטער געשטאנען פאר פאסטער'ן. מען האט געמוזט אנווענדען אלע מיטלען, בכדי צו ראטעווען דאס יונגעל, ווייל עס האט איהם געדראהט א זיכערער טויט. פאסטער האט זיך נישט געקאנט דעצידירען. א גאנצע שעה האט ער זיך בעראטען מיט ד"ר רו און אנדערע געטרייע מיטארבייטער. צום סוף האבען זיי בעשלאסען צו ריזיקירען און צום ערשטען מאל אין דער מענשליכער געשיכטע האט מען א מענש געמאכט אנ'איינשפריצונג געגען דעם ביס פון א משוגענעם הונד.

טעג און נעכט האבען פאסטער און רו געוואכט איבער דעם קליינעם יונגעל. ווארטענדיג צי עס וועלען זיך נישט אמאל בעווייזען סמנים פון דער קראנקהייט, ווייל ווען דאס יונגעל וואלט קראנק געווארען, וואלט מען פאסטער'ן געמאכט דעם פארוואורף, אז דאס האט ער אנגעשטעקט דאס יונגעל מיט דער קראנקהייט און אז אהן דער איינשפריצונג וואלט ער אפשר געבליבען לעבען.

אבער צום גליק איז ער נישט קראנק געווארען. א דאנק פאסטערס איינשפריצונג איז ער געבליבען לעבען. נאך א קורצער צייט איז ער צוריק אהיימגעפאהרען און א רייה פון יאהרען האט ער צוויי מאל אין דער וואך צוגעשיקט פאסטער'ן בריף וועגען זיין געזונד־צושטאנד. אין 1903 איז ער אלט 18־יעהריגער בחור געקומען קיין פאריז און אנגעהויבען צו ארבייטען ביי זיין דערליידזער פאסטער אין דעם ניי־אויסגעבויטען אינסטיטוט. אין 1910 איז ער געווארען וואזשני אין אינסטיטוט, וואו ער ארבייט ביז צום היינטיגען טאג.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזשער לעבן

נייער פאלקסבלאט

מיטוואך, 10 יולי
ט' תמוז תרצה

זון-אויפגאנג 3.27
זון-אונטערגאנג 7.55

16 ג. ראטמענער דראהט א שטראף ביז 6 חדשים

פאר בעטייליגען זיך אין די שטאט-ראט-אוואנטורעס

דער פראקוראר פון קרייז-געריכט האט שוין איבערגעשיקט צום שטאטישען געריכט דעם בעשולדיגונגס-אקט געגען 16 ראטמענער, וועלכע ווערען בעשולדיגט אין ארויסרופען און בעטייליגען זיך אין די אוואנטורעס אויף דער שטאט-ראט-זיצונג פון 28-טען מאי.

זיי ווערען בעשולדיגט לויט'ן ארטיקעל 128 פון שטראף-קאדעקס. עס ווערט זיי פארגעווארפען נישט אנשטענדיגער אויפפיהרונג אין שטאט-ראט-זאל.

בעשולדיגט ווערען 11 ענדעקעס מיט'ן „פיהרער" קאוואלסקי בראש. 2 פעפעסאוצעס. און דריי יודישע ראטמענער: האלענדערסקי, אדוו. יוסף וויצמאן און אברהם שטיינשניידער.

עס דראהט זיי א שטראף ביז 6 חדשים.

דער פראצעס וועט פארקומען אין חודש אויגוסט. צוליב דער גרויסער צאהל אנגעקלאגטע און עדות, וועט דער פראצעס פארקומען אין דער געביידע פון קרייז-געריכט.

* *

די געשעהענישען אויף דער זיצונג פון 28-טען מאי זענען ווי בעוואוסט, אויסגענוצט געווארען פון מיניסטער קאשטשאלקאווסקי אויף צו פונאנדערלאזען דעם שטאט-ראט.

אויף דער דערמאנטער זיצונג איז געקומען צו א ווילדען סקאנדאל- די ענדעקישע מעהרהייט איז צוליב א צופאל, וואס זייערער א ראטמאן איז געווען קראנק — געבליבען אין דער מינדערהייט. אויף אזא אופן האט מען אין בודזשעט צוריק אריינגעבראגען עטליכע געשטראכענע פאזיציעס, צווישען אנדערע אויך די סובסידיע פאר'ן שטאטישען טעאטער.

ווען דער בעשלוס איז אדורכגעגאנגען, האט ראטמ. אורבאך (פ. פ. ס.) געמאכט א צווישענרוף: „זאל לעבען די פוילישע קולטור! נידער מיט די פוילישע היטלעריסטען!"

די ענדעקעס זענען דאן ארייגעפאלען אין א גרויסען כעס און זיך געווארפען מיט בענקלעך און טישען אויף די סאציאליסטען, בשעת מעשה זענען פערוואונדעט געווארען עטליכע ראטמענער, ווי: נוטקעוויטש, מינצבערג, רוס, גאלינסקי א. אנד. מ'האט ארויסגערופען פאגאטאוויע און פאליציי, ס'איז פערפיהרט געווארען אנ'אויספארשונג, וועלכע האט געדויערט אייניגע וואכען און האט זיך איצט געענדיגט מיט'ן פערפיהרען א פראצעס געגען 16 ראטמענער.

ס'איז כדאי צו בעמערקען, אז ווי בעקאנט האבען אויף דער דערמאנטער שטאט-ראט-זיצונג, זיך די סאציאליסטען און די יודען געפונען אין א שווערער לאגע און ביז'ן אנקומען פון דער פאליציי געווען שוצלאז, בשעת די ענדעקעס זענען די גאנצע צייט געווען די אנגרייפער.

—=—

מ'שפילט אין בעהעלטערלעך

פריהער: דער טאטע — דאס געלט, און איצט פאליציי — דעם זוהן

(א) דער הויז-בעזיצער, אנדזשעי פיאטראווסקי (פון לימאנאווסקיעגא 155) איז א גוי פון גוים-לאנד, אזא מין פערשוין, וואס גלויבט קיינעם נישט חוץ זיך אליין....

ער האט זיך אנגעזאמעלט 7000 זל. טא, וואס זשע זאל ער עס גיין אריינלייגען אין א באנק, צי בארגען עמיצען, צי גלאט אוועקשענקען?! עי, אזא פרייער איז ער נישט...

האט ער ביינאכט, פון קיינעם נישט געזעהען און נישט געהערט, גענומען דאס געלד, און פערגראבען עס אין דער ערד — אין גערטענדעל אויף זיין הויף.

דער זוהן זיינער — ווייזט אויס דער ריכטיגער ילד שעשועים — מיטן נאמען סטאניסלאוו פיאטראווסקי האט אבער דערשנאפט, אז זיין טאטע האט געלד, וואס ער בעהאלט ערגעץ — האט ער אזוי לאנג געשנישטערט און נאכגעפאלגט ביז ער איז דער גאנגען דעם סוד, וואו דאס בעהעלטעניש געפינט זיך.

הכלל, ער האט דאס געלד אויסגעגראבען, און צוגענומען....

איצט האט ווידער די פאליציי איהם אליין צוגענומען און בעהאלטען אין טורמע.

האנדעלס-אינדוסטריעלער ראיאן-קאמיטעט

(א) אין הסכם מיט אנווייזונגען פונם מיניסטעריום פאר האנדעל און אינדוסטרי, ווערען איצט אין לאדז געמאכט הכנות צו ארגאניזירען א האנדעלס-אינדוסטריעלען ראיאן-קאמיטעט.

דער דאזיגער קאמיטעט וועט האבען די אויפגאבע צו זארגען זיך וועגען דער ראציאנעלער אויסבילדונג פון פראפעסיאנעלע קאדרען אינדוסטריעלער, סוחרים און האנדווערקער.

ארעסטירט די פרוי פון א מערדער

(א) פאר דער פאבריק פון „קרושע און ענדער" איז ארעסטירט געווארען די פרוי פון טישאקן, וועלכער האט דערמארדעט דעם דירעקטאר פון דער אנגערופענער פירמע, קראנענבערג.

די טישיאק האט זיך פערנומען מיט בעטלען נדבות ביי די ארבייטער, מיט וועלכע זי האט נאך נישט לאנג צוריק צוזאמענגעארבייט אין „קרושע ענדערס" פאבריק.

צוליב דער אויפרעגונג, וואס איהר דערשיינונג פאר דער פאבריק, האט ארויסגערופען, איז זי פערהאלטען געווארען.

מחמת נויט

(א) מחמת עקסטע נויט האט זיך גע'סמ'ט מיט א געמיש פון אמאניאק און יאדינע א געוויסע איירענא לאבוזע (אגראראווא 28).

אין א שווערען צושטאנד האט זי פאגאטאוויע אפגעפיהרט אין שפיטאל.

איבערגעפאהרען אויף טויט

(א) אויפ'ן שאסעי וויעלון—שיעראדז האט אנ'אויטאבוס געכטען איבערגעפאהרען אויף טויט דעם טויב-שטומען 35-יעהריגען אנטאני שאפראנעקן

דער שאפער פונ'ם אויטאבוס, סטאניסלאוו גאזשדזשעק איז ארעסטירט.

אויספלוגען קיין פאלעסטינע פון 630.— זל. און

ארגאניזירט

„ארביס" פיעטריקאווער 18, טעל. 249-33

אויף הנחה-פעסער קיין טשעכאסלאוואקיי און יוגאסלאוויען.

היינט — דער לעצטער טאג

צו אנמעלדען אויספלוגען קיין קראקע

(א) לויט ווי מ'אינפארמירט אונז קאנען זיך היינט נאך ארגאניזאציעס, געזעלשאפטען און אינסטיטוציעס אנמעלדען צו קאלעקטיווען אויספלוגען קיין קראקע אויף סאווינייץ, בכדי אנטיילצונעהמען אין שיטען דעם „קאפיעץ" אויף מארשאל פילסודסקים נאמען.

די אנמעלדונגען נעהמט נאך היינט אן דאס ארגאניזאציאנעלע אינפארמאציע ביורא אויף קילינסקיעגא 152.

דער אויספלוג וועט געמאכט ווערען זונטאג דעם 14. ד. ח.

זאל פילהארמאניע
נארוטאוויטשא 20

היינט און טעגליך 9.15 אוונט

„באסטאן"

יונג-טעאטער

קינסטל. אנפ.: ד"ר מיכאל בראנדט.
רעזשי: ד"ר בראנדט.
בעשטאלטונג פון רוים: אור-באן באר, מיט'ן אנטייל פון גאנצען אנסאמבל.

בילעטען צו בעקומען א גאנצען טאג אין „קולטור-ליגע" און ביי דער קאסע פון פילהארמאניע.

עקזאמענס פאר סוחרים

היינט א קאנפערענץ אין ווארשא פון די יודישע ראטמענער פון די האנדווערקער-קאמערן

היינט קומט פאר אין צענטראלען סוחרים-פעראיין אין ווארשא (סענאטארסקא 22) א קאנפערענץ פון יודישע ראטמענער פון די האנדווערקער-קאמערן אין פוילען.

די קאנפערענץ וועט בעהאנדלען דעם פראיעקט פון די קריסטליכע סוחרים וועגען עקזאמענס פאר סוחרים.

פון די לאדזשער קליינהענדלער - ראטמענער פאהרען צו דער קאנפערענץ די ה"ה: גרשון וואלמאן, ל. ראזענבערג און פיאטר כארי.

עקספארט פון פוילישע קנעפ

קיין פערסיען, טערקיי און אינדיען

(אג) די פראדוקציע פון קנעפ ענטוויקעלט זיך לעצטענס אין פוילען זעהר גינסטיג. עס האנדעלט זיך דא קודם כל וועגען קנעפ, וואס ווערען פראדוצירט פון די ניסען דום, וועלכע ווערען ספעציעל געבראכט פון עקוואדאר און בראזיליען.

אין פוילען עקזיסטירען דריי פאבריקען פון קנעפ און נעמליך איינע אין לאדז, איינע אין ווארשא און איינע אין טשענסטאכאוו.

די פראדוקציע פון קנעפ האט פאר פוילען א גרויסע בעדייטונג, ווייל זי איז בעשטימט הויפטזעכליך אויף עקספארט. עס ווערען פראדוצירט צוויי מינים קנעפ: א בעסערע סארט, וואס געהט אויסשליסליך אויף עקספארט און א ערגערע פארן אינערליכען געברויך.

די גרעסטע בעשטעלונגען אויף קנעפ בעקומען די פראדוצענטען פון פערסיען, טערקיי, ווי אויך באמביי (אינדיען). לעצטענס זענען אויך ארויסגעשיקט געווארען פרובע-בעשטעלונגען קיין שוועדען און דענעמארק. לויט דער מיינונג פון די נאלאנטעריע - קרייזען האט דער דאזיגער גאלאנטעריע-צווייג צוליב דעם אלץ וואקסענדען עקספארט און גרויסען אינערליכען געברויך, גרויסע ענטוויקלונג מעגליכקייטען.

ער גייט אליין אוועק

זיצונג פון פאביאניצער שטאט-ראט

(א) נעכטען איז אין פאביאניץ פארגעקומען די זיצונג פונם דארטיגען שטאט-ראט, אונטערן פארזיץ פונם צייטווייליגען פרעזידענט, פוטימא.

אין דער ערשטער ריהה איז דורכן שטאט-ראט גענומען געווארען צו קענטעניש דער אפזאג פונם ראטמענישען מאנדאט, וואס איז אריינגעשיקט געווארען דורכן ראטמאן סטעפאן וועסטערסקי, געוו. נאטשעלניק פון דער באהן-סטאציע אין פאביאניץ.

וועסטערסקי איז ארעסטירט געווארען אין שייכות מיט די ענטדעקטע מיסברויכען פונם לאדזשער באהן-נאטשעלניק, אינזש. דאמבראווסקי. צוליב דעם האט ער זיך איצט אפגעזאגט פונם מאנדאט.

דער שטאט-ראט האט בעשטעטיגט א הלוואה מיטן צוועק צו בויען אנ'ארבייטער-קאלאניע.

עס איז אויך פארגעקומען די ערשטע לעזונג פונם בודזשעט - פרעלימינאר. עס זענען אריינגעטראגען געווארען א רייהה אויספעסערונגען, וועלכע זענען טיילווייז אנגענומען געווארען.

בוי-קאטאסטראפע

דריי מויערער זענען אראפגעפאלען פון די רושטאוואניעס

(א) נעכטען אינדערפריה איז געשעהען א קאטאסטראפע ביים בוי פון הויז מאסטאווא 27.

אויף די רושטאוואניעס אין דער הויף פון 2 שטאק האבען געארבייט דריי מויערערס. אין א געוויסען מאמענט האבען זיך די רושטאוואניעס איינגעבראכען און אלע אלע דריי זענען אראפגעפאלען.

שווער פערוואונדעט געווארען איז דערביי דער 31-יעהריגער סטאניסלאוו ווארשינסקי (זגערזשער 74). דער דאקטאר פון פאגאטאוויע האט איהם אפגעפיהרט אין שפיטאל. די אנדערע צוויי: דער מויערער-מייסטער וויצענטי ארבייטער (פון ראדאגאשטש) און דער ארבייטער מאריאן פאיאר (פראמיקא 20) זענען לייכט פערוואונדעט געווארען.

די פאליציי פיהרט אנ'אויספארשונג, כבדי פעסטצושטעלען צוליב וועמענס שולד די קאטאסטראפע איז פארגעקומען.

צוגאב-פאבאר-קאמיסיע

מאנטאג ד. 15 יולי דארפען זיך צושטעלען די פאבאר-פליכטיגע פון יאהרגאנג 1914 און עלטערע, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 2. 3. 5. 8, 9 און 11 פאליציי קאמיסאריאטען. וואס האבען זיך צוליב וועלכע עס איז סיבות נישט צוגעשטעלט צו דער צייט צום פאבאר.

אפטייקען.

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(א) היינט ביינאכט דיזשורירען: ס. יאנקעלעוויטש (פלאץ-שטאט 9), ב. גלוכאווסקי (נארוטאוויטשא 6), ע. האמבורג (גלובנא 50), ל. פאוולאווסקי (פיעטריקאווער 307), א. פיעטראווסקי (פאמארסקא 91), ל. שטעקל (לימאנאווסקיעגא 37).

א פאבריקס-סכסוך

(א) אין דער פאבריק פון טשארנאלעווסקי'ן אויף ציגעל-גאס 64 איז אויסגעבראכען א סכסוך מחמת דעם, וואס דער אינהאבער פון דער פאבריק האט געוואלט רעארגאניזירען די ארבייט אויף אזא אופן, אז די ארבייטער זאלען אנשטאט 2—3 שטולען בעדינען 4.

100 ארבייטער האבען דעריבער ג עווארפען די ארבייט, און זענען געבליבען אין דער פאבריקס-געביידע.

ליקווידירט דעם שטרייק אין די ציגעלניעס

(א) נעכטען איז נאך א קאנפערענץ אין ארבייטס-אינספעקטאריאט ליקווידירט געווארען דער שטרייק פון די ציגעלניע-ארבייטער.

די ארבייטער האבען אויסגעפועלט דאס, וואס זיי האבען פערלאנגט.

דער שטרייק האט געדויערט 3 וואכען.

הנחות פאר ארימע קראנקע

לאדזער יודען אין טשעכאטשינעק

דער דאזער פגימ'ן רוס איז ארויסגעשיקט געווארען פון דער קהלה-פערוואלטונג קיין טשעכאטשינעק אויסצופועלן הנחות פאר ארימע קראנקע לאדזער יודען.

נעכטען איז ה' רוס צוריקגעקומען, ער האט ראדט אויסגעפועלט הנחות. ספעטעמבער וועלען שוין ארויסגעשיקט ווערען ארימע לאדזער יודען און זיי וועלען בעקומען הנחות ביים קורירען זיך.

מניעות אין ראד-פערקעהר

צוליב'ן איבערברוקירען די גאסען

די לאדזער שטאטישע סטאראסטווע איז מודיע, אז אין שייכות מיטן איבערברוקירען די גאס, וועט דער ראד-פערקעהר אויפן שטח פון דער פעטריקאווער גאס — פון זאמענהאפא ביז באנדורסקיעגא — צייטווייליג פארקומען נאר אין דער ריכטונג פון רוימאנט-פלאץ ביזן פרייהייטס-פלאץ.

זיך ריכטיג אויסגעבעטען

און פערמשפט געווארען פאר'ן שרייבען אומגעלומפערטע ביטעס

(א) דער סעקרעטאר פון דער לאדזער „סטאניצא לודאווע" אדאם בענקע, איז-פאר'ן שרייבען פאר קליענטען אומגעלומפערטע ביטעס אין געריכט, צוליב וואס די לעצטע האבען געליטען פערשידענע היזקות—פערמשפט געווארען אויף 4 חדשים ארעסט און אויף צו בעצאהלען 50 זלאטעס שטראף

אין ציעכאצינעק

איז צו בעקומען טעגליך דעם

נייעם

פאלקסבלאט

ביי ש. סוכעצקי, זדראיאווא 10.

רעדוקציע אין דער גלאז-הוטע „הארטענזיא"

(א) אין דער גלאז-הוטע, „הארטענזיא", אין פיעטרקאוו האט מען, מחמת מאנגעל אין בעשטעלונגען געקינדיגט אויף 2 וואכען 200 ארבייטער.

די הוטע ווערט געשלאסען אויף 3 וואכען בעת וועלכע די ארבייטער וועלען אויסנוצען זייערע אורלויבען, און עס וועט אדורכגעפיהרט ווערען דער נויטיגער רעמאנט.

בעפרייט פון דער בעשולדיגונג
אז ער איז שולדיג אין איהר טויט

(א) בשעתו איז אין פאביאניץ פארגעקומען א שרעקליכער אומגליקס-פאל:

דער ראווער-פאהרער מיקאלאי אטרעמבסקי האט איינמאל פאהרענדיג אויף זיין ראווער גורם געווען דערצו, אז די ספארטליכע זאפיא מראטשקאווסקא איז אריפגעפאלען אויף א קופע שטיינער און זיך צושמעטערט דעם שארבען. גלייך דערנאך איז זי געשטארבען.

אטרעמבסקי איז דאן ארעסטירט געווארען. מען האט אבער פעסטגעשטעלט, אז אין דעם אומגליק איז ער נישט געווען שולדיג, און מ'האט איהם נעכטען בעפרייט.

הינט בעפאלען מענשען

(א) אויף נארוטאוויטשא 5 איז צוביסען געווארען פון א הונט דער לאקאטאר פון אויבענדערמאנטען הויז אהרן קאגאן.

אויף פיעטרקאווער 200 האט א הונט צוביסען דעם שאפער באגומיל סוואבאדא.

אויף פיעטרקאווער 90 האט א הונט צוביסען די פרוי מאלגאזשאטא קאוואלטשיק.

אין אלע פאלען האט די ערשטע הילף ערטיילט די פאגאטאוויע.

פערמשפט 3 באהן-גנבים

(א) נעכטען זענען געמשפט געווארען דריי באהן-גנבים וועלכע זענען דעם 22-טען אקטאבער פ. י. בעפאלען א משאות-צוג און אנגעהויבען ארונטערצווארפען פון די וואגאנען פערשידענע פעק מיט סחורות.

דאס געריכט האט ארויסגעטראגען פאלגענדען אורטייל: אנטאני שילטשאק — 2 יאהר טורמע; יאן זאוויערוכא — א יאהר טורמע און זיגמונט לארענק — 10 חדשים.

ווער ווייסט?

נעכטען איז ארויס פון דערהיים א פרוי פון קאנסטאנטיגער 26 מיט'ן נאמען שרה שולדמאן, געווען געקליידט א גראנאט-פאלטען מיט א ווייסען שאלאווע קאלנער אין א שייטעל. ווער עס ווייסט זאל צוויסען טון אויפ'ן אנגעוויזענעם אדרעס ביי אייזיק שולדמאן.

אין קאלומנא

אין צו בעקומען טעגליך דעם
בילעם
פאלקסבלאט
ביי זאנדמאן, מארונסקא 8.
ווילע זשעלינסקי.

גאסטראלען פון לודוויק זאץ
אין „ראזמאיטאשטשי"

„דער גזלן" טראגי-קאמעדיע אין 3 אקטען פון ה. קאלמאנאוויטש.

מען האט דא ביי אונז אין לאדז לאנג אויסגעקוקט צו זעהן שפילען לודוויק זאצ'ן. עס איז שוין עטליכע יאהר ווי זאץ שפילט זומער-צייט אין פוילען און לאדז האט ער ווי אויסגעמיטען. מן הסתם זענען געווען סיבות דערצו, ענדליך האבען מיר זיך דערוואַרט און מיר זעהן זאצ'ן אויפטרעטען אויף דער היגער יודישער ביהנע.

דעם ערשטען אויפטריט האט ער געמאכט אין א מעלאדראמאטישע טראגי-קאמעדיע „דער גזלן". וואס דאס איז פאר א שטיק? צו וואס רעדען וועגן דער פיעסע, פון וועלכע עס איז גארנישטא צו דערווארטען, אז מען קאן בעסער רעדען וועגען לודוויק זאץ. נישט די פיעסע איז א טראגי-קאמעדיע, נאר זאץ אליין איז א שטיק טראגי-קאמעדיע.

אויב אזא לודוויק זאץ, וועלכער איז אנ'אקטיאר פון אנ'אויסערגעוועהנליכען פארנעם, בעווייזט זיך אין אזא גארנישט זאגענדיגע פיעסע, ווי עס איז „דער גזלן", איז דאס טראגיש פאר איהם און קאמעדיען-קאמיש פאר אלעם וואס ער טוט דארט.

זאל אונז זאץ מוחל זיין אונזער צו שטארקען אויסדרוק אין דער בעציהונג צו זיין פערזאן, נאר וואס קאן מען זיך העלפען, אז אזוי איז אונזער איינדרוק נאך די אפגעשפילטע דריי אקטען.

לודוויק זאץ! לודוויק זאץ! מיט אזא גרויסען שלל ארטיסטישע מיטלען, וואס איהר פערמאגט, פערשפארט איהר זיך אין אזא ענגקייט און לאזט נישט פריי אויסבושעווען אייער ברויזענדען ארטיסטישען טעמפעראמענט? וואס זאלען מיר אייך זאגען, אז איהר זענט א גרויסער טאלאנט, אז איהר זענט איינער פון די זעלטענסטע ארטיסטישע ערשיינונגען אין דער טעאטער-וועלט? גלויבט, אז די אלע הויכע לויבווערטער זענען נישטיג לגבי אייער שפילען.

עס איז באמת א שאד, א גרויסער שאד, וואס איהר אליין זעהט אייך נישט בעת איהר שפילט!

ווען איהר זאלט אייך קאנען זעהן, אזוי ווי מיר זעהן אייך שפילענדיג, וואלט איהר זיך נישט געווען אזוי לייכטזיניג פערטאכלעוועט, איהר וואלט פאר זיך אליין מעהר דרך ארץ בעקומען און וואלט זיך ערשט דאן אוועקגעשטעלט שפילען אין פיעסען, וואס דערגרייכען אייער ארטיסטישער הויך.

יא, עס איז א טראגעדיע, נישט בלויז פאר אייך, נאר אויך פאר'ן גאנצען יודישען טעאטער, ווען מען זעהט ווי עס ווערט אזוי פיל ארטיסטישע מיה און ארטיסטישע עשירות אריינגעלעגט אין א „שלום פסח גאלובטשיק".

* * *

לודוויק זאץ שפילט דאך נישט אויף דער ביהנע ווער זאגט עס, אז ער שפילט זיין ראל אקטיאריש? מיר זעהען נאר ווי א מענש לעבט אויס, אויף א נאטירליכען אופן, זיין לעבען, זיין טראגי-קאמיש לעבען און דאס אלץ מיט אזא נאטורליכער פשטות, וואס שפארט אן צו די טיפסטע טיפענישען פון געפיהל און איבערלעבונג.

וואס זאל מען פריהער בעוואונדערען, זיין טאן זיין מימיק, זיין גענגעל, זיינע בעוועגונגען, זיין סצענע מיט'ן וועלען פערריכערען דאס ליולקעלע, זיין וועלען אויסטרונקען א גלעזעלע, זיין פינגער שפיל זיצענדיג אויפ'ן בענקעל, זיין אריינקומען, זיין גוטמוטיגקייט, אונבעהאלפענקייט? אז יעדעס פאר זיך איז א מייסטער שטיק פון סצענישע קונסט און דאס אלץ קומט ביי איהם ארויס ווי פון זיך זעלבסט ארויסגעוואקסען. פערהאן ביי איהם בעהאַרצטע סצענעס פון בעהארצטער תמימותדיגקייט וואס ריהרען צו טרעהרען. זיין קאמיזם רופט נישט אזוי ווילד ארויס געלעכטער, ווי פרייד, בחתדיגע פרייד. אזוי זעהן מיר לודוויק זאצ'ן, ווייל מען קאן איהם אנדערש נישט זעהן ווי אלס אזעלכען, ווי ער בעווייזט זיך פאר אונז.

ער האט דעם כח אונז צו מאכען פערגעסען וואס עס טוט זיך אין דער פיעסע, ער אליין בעהערשט דעם צושויער, דער צושויער ווערט זיין געפאנגענער, א געפאנגענער פון זיין מעכטיגען ברויזענדען ארטיסטישען כח.

אין די ארטיסטען האט זאץ טרעפליכע פארטנערען, די זעהר פעהיגע ענני ליטאן פיהרט נאר אריין אביסעל א צושרייערישען טאן וואס הארמאנירט נישט מיט'ן סובטועלען טאן, מיט וועלכען זאץ בעהערשט די ביהנע, דאגעגען בעמיהט זיך משה ליפמאן — און עס געלונגט איהם אויך — זיך צו האלטען אויף זאצ'ס טאן-ליניע. אנ'אויסגעצייכענט ווייב-מרשעת צייכענט נאטאליא ליפמאן.

צום ערפאלג ווירקען מיט: פאני רובין, יצחק גרודבערג, בארסקא פישער, גרשון ליעמבערגער, דוד האמבורגער, שלמה הערשקאוויטש און מיכאל קליין.

טעאטער - מענש

מזל-טוב, ווישניאווא גורא!
„בערל שמערל" קומט צו גאסט

ווער ס'איז דער „בערל שמערל-טעאטער" איז איבעריג צו דערקלעהרען. דאס איז שוין א גענוג אויסגעארבייטע מארקע. ס'איז בענוג צו זאגען: „בערל שמערל" און מ'האלט זיך די זייטען פון געלעכטער.

ווינטער האט „בערל שמערל" לאכען-געמאכט לאדז. זומער געהען די בערל שמערלניקעס איינע מען ווישניאווא גורא.

די געצעלטען פון „בערל שמערל-טעאטער" ווערען אויפגעשטעלט אין ווישניאווע גורא אין דאנסינג „עליטע" (פריהער „אלהאמברא") אין ראפעפארט'ס ווילע. סע'וועט זיך טון אויף טיש און אויף בענק.

פאך-גימנאזיעס
איניגע אויפקלערונגען

אין שייכות דערמיט, וואס ס'האלט זיך ביים גרינדען פאך-גימנאזיעס, האלטען מיר פאר נויטיג צו געבען איניגע אויפקלערונגען וועגען די צילען און אויפגאבען פון זיי. אין דער ערשטער רייהע וועלען מיר זיך אפשטעלען אויף דער פראגע, ווי אזוי וועט מען קענען בעקומען א געזעלען-דיפלאם?

געזעלען - בעשיינונגען וועט מען קענען בעקומען: 1) נאכ'ן ענדיגען פאך-קורסען אין א האנדווערקער-ווארשטאט און פאך-קורסען, אויב אזעלכע עקזיסטירען אין די שטעט, וואו די לערן-יונגלעך האבען בעקומען די פאך - אויסבילדונג. ער מוז דאן אפהאלטען אנ'עקזאמען פאר דער עקזאמינירקאמיסיע, וואס ווערט צוזאמענגעשטעלט דורך דער האנדעלס-קאמער.

א געזעלען - דיפלאם קען מען אויך בעקומען, אויב מ'ענדיגט א האנדווערקער - שולע, און מ'גיט אפ אנ'עקזאמען פאר דער עקזאמיניר - קאמיסיע, וואס ווערט ספעציעל געשאפען פון דער שול-מאכט. אין דעם פאל מוז איין מיטגליד פון דער עקזאמינירקאמיסיע זיין א פארשטעהער פון דער האנדעלס-קאמער.

די אויפגאבען און צילען פון די פאך-גימנאזיעס דארף מען נישט צונויפמישען מיט די ביז-איצטיגע האנדווערקער-שולען. די אויפגאבע פון די פאך-גימנאזיעס איז צו בעפרידיגען די געברויכען פון ווירטשאפטליכען לעבען.

ס'וועלען איינגעפיהרט ווערען פערשידענע פאך-קורסען פון אלע צווייגען און בראנזשעס, וואס איז נויטיג פארן ווירטשאפטליכען לעבען.

די דאזיגע גימנאזיעס האבען נאך אנ'אויפגאבע: זיי דארפען צוגרייטען גוטע אינסטרוקטארען פאר די פאך-שולען.

נאך איין פרט דארף אונטערגעשטראכען ווערען: די רעפארמאטארען פון די נייע פאך-גימנאזיעס האבען זיך געשטעלט די אויפגאבע נאכצוקומען דעם געברויך, נישט פאר דער גרויס - אינדוסטריע נאר פאר דער מיטעלער אינדוסטריע און פארן האנדווערק.

ק. יאראשעווסקי

קינדער שפילען זיך...

(א) אין פעלד ביי סוף פאמארסקא גאס, האבען קינדער צונויפגעלייגט א שייטערהויפען, איהם אנגעצונדען, און זיך גענומען שפילען, און ווייזען, ווער ס'איז מעהר בריה — ווער ס'וועט בעסער אריבערשפרינגען דעם פייער.

דערביי האט איין מיידעלע, די 11-יעהריגע מאריאנא קראיעווסקא (פון פאמארסקא 50) געגעבען אזא אומגעלומפערטען שפרונג, אז זי איז אריינגעפאלען אין די פלאמען, און איז מוראדיג אפגעבריהט געווארען.

פאגאטאוויע האט זי אפגעפיהרט אין אנגאמאריא- שפיטאל.

מ'פעלשט נאטען
אך-און-וויי, אז מ'דארף אנקומען צו אזא „מוזיקאלישן" מיטעל...

(א) ס'איז לעצטענס פעסטגעשטעלט געווארען אז אין לאדז גראסירען קאמבינאטארען, וואס מאכען נאך געדרוקטע נאטען.

מיט דער הילף פון ספעציעלע מכשירים קאפירען זיי די נאטען, און פערקויפען זיי דערנאך אלס אריגינעלע.

פאליציי האט געווארפען אויף דעם אנ'אויג.

משומדים
ר. איזראעל

סענסאצ. שפאנענדער ראמאן פון היינטיגען יודישען לעבען

63

— דא האט איהר דאס געלד. האט הענריק איבערגע'חזר'ט, געבענדיג דעם קריפעל די באנקנאטען אין דער האנד אריין, אויף ווען קענען מיר זיך ריכטען צו זעהען ביי אונז מאריאנען.

— איך קען אייך גארנישט זאגען, אפשר....

— וואס אפשר?

— כ'האב גארנישט געזאגט, איך האב אייך נאר געוואלט געבען אנ'אויפריכטיגע עצה.

הענריק איז שוין מיאוס געווארען דאס גאנצע שפיל, יעדעס ווארט וואס ער האט גערעדט מיט דעם קריפעל איז שוין פאר איהם געווען איבריג.

— כ'וויל נישט קיין עצות פון קיינעם, איך האב געטון דאס וואס מ'דארף אין אזא פאל טון, אייער זאך איז צו האלטען ווארט, אזוי ווי איהר האט מיר דאס ערשט היינט געזאגט.

— טאקע דערפאר, וואס איז זעה נישט די מעגליכקייט אז איך זאל קענען ווארט האלטען בין איך מחויב אייך צו זאגען אז איך וואלט אייך געראטען אז איהר זאלט קיין געלד נישט געבען.

די דאזיגע ערקלערונג פון קריפעל איז פאר הענריקן געווען אזוי ווי ער וואלט בעקומען מיט עפעס א שווערע זאך איבערן קאפ, ער איז אינגאנצען צומישט געווארען.

— וואס איז דאס פארא חוזק שפיל? האט ער זיך געטראכט. דער גאנצער ענין איז געווען אזוי ווי פערכישופט, ווי מ'האט געטון האט נישט גענוצט, ווי ס'איז אויסגערעכענט געווארען איז אויס געוואקסען פונקט דער היפוך. די איצטיגע ערקלערונג פון דעם הויקער וועלכער האט שוין גענומען דאס געלד אין טאש איז געווען פאר הענריקן דאס אונוואַרשיינליכסטע וואס האט נאר געקענט פאסירען. דער קריפעל האט בעמערקט די גרויסע איבעראשונג פון הענריקן און האט איהם באלד געפרובט אויפצוקלערען וועגען וואס דא האנדעלט זיך.

— איך פערשטעה, אז איהר וואונדערט זיך שטארק צוליב דער עצה, אז איהר זאלט איצט נישט געבען קיין געלד, איהר קענט נישט בעגרייפען ווי עס קומט, אז איינער פון דער באנדע וועלכער איז שוין צוויי מאל געקומען נישט נאך וועגען עפעס אנדערש ווי נאך געלד זאל איצט מיטאמאל אריין אין דער הויט פון א שעפעלע און נישט וועלען נעהמען דאס געלד, וועלכעס איהר לעגט אליין פאר, דאס איז פערשטענדליך, איך אליין וואלט דאס אליין אויך נישט געקענט אליין איבערקייען...

— וואס דען טוט זיך דא, צו אלדע רוחות, מיר איז שוין דאס אלץ נמאס געווארען איך וויל נישט ווייטער זינקען אין דער בלאטע, אין וועלכער איך בין געגענוויליג אריין. וואס טוט זיך דא, איך דארף דאך דאס ענדליך וויסען..

— באלד וועט איהר דאס וויסען, איך וועל אייך ערקלערען, אז איך געהער נישט צו דער באנדע וועלכע שאנטאזשירט ביי אייך איצט געלד, איך בין אין איצטיגען מאמענט נאר א שלוח און דאס א געצוואונגענער שלוח. איך האב נישט געוואלט אהערגעהען, אבער מה'אט מיך געצוואונגען דערצו, מיט ריזעלבע דראהונגען מיט וועלכע מ'האט געצוואונגען מאריאן בזשוסקא צו שרייבען די דאזיגע בריף. און דערפאר ווייל איך קען אויסגעצייכענט די סיטואציע דערפאר ווייל איך ווייס אז אויך נאכדעם ווי זיי וועלען בעקומען דאס איצטיגע געלד פון אייך וועלען זיי מאריאן בזשוסקא אויך נישט בעפרייען, איז מיין עצה, אז איהר זאלט אינגאנצען נישט אנהויבען צו געבען קיין געלד.

א קאלטער שווייס איז ארויסגעטרעטען אויף הענריקס שטערען, ער האט געפיהלט עפעס אנ'אינערליכע מורא פאר דעם גאנצען ענין מיט וואס ער זאל זיך נישט ענדיגען. ער האט נישט געוואוסט צי דער קריפעל זאגט אמת אדער דאס איז א נייער טריק צו פאנגען איהם אליין אויף דער ווענדקע.

— און ווען מיר וועלען נישט געבען קיין געלד האט הענריק קורץ אפגעענטפערט, איז דאך פאראן די געפאהר אז זיי וועלען זיך מיט מאריאנען נישט שפילען און וועלען איהם ערמארדען.

— אמת, האט דער קריפעל געענטפערט און זיין עקעלהאפט פנים האט געמאכט פערשידענע גרימאסען, זיי זענען פעהיג אויף מארד, אין דעם איז נישט פאראן קיין שום ספק, אבער אין דעם איצטיגען פאל זעה איך נישט איין אז זיי זאלען האבען א ספעציעלען אינטערעס צו ערמארדען מאריאן בזשוסקא, זיי וועלען אויסנוצען אלץ, כדי צו קענען ציהען געלד און דעריבער האלט איך אין נאך פאראן גענוג צייט אז איהר זאלט דערוויל נישט געבען קיין געלד.

— וואס וועל איך דערמיט בעצוועקען. סוף כל סוף ווייס איך אז זיי וועלען איהם נישט בעפרייען אהן געלד. דאס פערשלעפען ברענגט דערצו, אז אויב זיי וועלען מאריאנען אפשר באלד נישט ערמארדען וועלען זיי איהם פייניגען, איז דאך גלייכער אז דאס וואס דארף פאסירען זאל פארקומען וואס גיכער.

— ס'איז אויך אמת, אז מאריאן וועט דורך אייער נישט געבען קיין געלד געפייניגט ווערען און שרעקליך געפייניגט ווערען, אבער דאס געבען געלד האט בכל קיין שיער נישט. וויפיל איהר וועט געבען וועלען זיי אלץ פערלאנגען נאך מעהר און סוף כל סוף אויב זיי וועלען בעקומען די געהעריגע סומע געלד כדי זיי זאלען קענען זיכער פון דאנען ענטלויפען, וועלען זיי ערשט אויפסניי נישט וועלען דערלאזען קיין לעבעדיגען עדות געגען זיי..

אלץ וואס דער קריפעל האט גערעדט איז געווען לאגיש און שכלדיג. אין דעם האט הענריק אינגאנצען נישט געצווייפעלט. די פראגע איז נאר געווען צי דאס אלץ איז אויך אויפריכטיג. צי דער קריפעל מיינט ערנסט. צי דורך דעם וואס ער וועט דעם קריפעל גלויבען וויקעלט ער זיך נישט אריין אין א פריש אומגליק. הגם מ'האט נישט געקענט פאראויס זעהען די כוחות פון דעם קריפעל.

— אויב איהר האלט אזוי האט הענריק געזאגט — ווילענדיג ארויסציהען די כוונות פון דעם הויקער — וואלט דאך אפשר גלייכער געווען באלד וועגען דעם אלעם צו מעלדען דער פאליציי און איהר זאלט אנווייזען וואו מאריאן און דאס גאנצע באנדיטען-געזינדעל געפינען זיך?

— איהר זענט חסר דעה, איז דער קריפעל געווארען שטארק אין כעס.

דער כעס האט זיך אויסגעדריקט דערין וואס זיין פנים איז געווארען פייער-רויט, די אויגען האבען זיך ביי איהם אזוי ווי איבערגעדרעהט. ער האט אנגעהויבען קראמפהאפט צו בעוועגען מיט די הענד, אזוי אז ס'איז געווען א מורא אויף איהם צו קוקען.

— איהר ווייסט וואס איהר האט געזאגט, איהר האט געהייסען מיך מעלדען דער פאליציי וועגען דער דאזיגער געשיכטע. איהר ווייסט אז דאס איז א חוצפהדיגער ענטפער אויף מיינע עהרליכע פארשלאגען.

הענריק האט אביסעל מורא בעקומען אבער זיך נישט פערלוירען.

איך ווייס נישט מיט וואס דאס איז אזא חוצפה האט הענריק געזאגט.

— דאס איז נאך בעסער, איהר פיהלט אפילו נישט דאס וואס איהר האט געזאגט, ניין, פאליציי איז פאר אונז און פאר מיר קיינמאל אין דער וועלט נישט קיין מיטעל.

(פארטזעצונג קומט).

צוזאמענפאהר פון „פועלי אגודת ישראל״

דריטע זיצונג

די מאנטאגדיגע נאכמיטאג זיצונג אין לאקאל פון „פנות יעקב״ עפענט ה׳ י. דייטש, און עס בעקומט דאס ווארט ה׳ באמציג צום רעפעראט „אונזער פאליטישע און עקאנאמישע ארבייט״. דער רעפערענט נאכן ארומרעדען די פאליטישע און עקאנאמישע לאגע אויף דער יודישער גאס קומט צום אויספיהר, אז נישט קוקענדיג דערויף, וואס פא״י איז א אינטעגראלער קערפערשאפט אין דער „אגודה״ דארף פ.א.י. געהן בעזונדער צו וואהלען, אויב עס זענען פאראן מעגליכקייטען צו געווינען. אויך האט דער רעפערענט אנגעוויזען אויפן פערניכטונגספראצעס פון די יודישע מאסען מצד דעם הערשענדען סיסטעם און האלט אז מ׳דארף נישט שאפען קיין בעזונדערע פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס, נאר זעהן אריינצודרינגען אינערהאלב די דאזיגע ארגאניזאציעס און צו קעמפען אינוויינינג פאר די פאסטולאטען פון פא״י.

ה׳ אייכלער (זדונסקא וואלע) פערלאנגט מ׳זאל אראפנעהמען פון סדר היום די רעפעראטען, און צוטרעטען צו פראקטישערע ארבייט, די קאנפערענץ ווארפט אפ דעם פארשלאג.

בעתן איבערלייענען דעם בעריכט פון דער מאנדאטען קאמיסיע ברעכט אויס אין זאל א טומעל, די מאנדאטען קאמיסיע שטעלט פעסט, אז עס זענען פאראן 325 דעלעגאטען.

א טומעל ברעכט אויך אויס ווען ס׳געהט פארלייענען די ערקלערונג ה׳ קאלמאן (בעלכאטאוו) אינם נאמען פון דער עקסטרעמער אפאזיציע.

דאס פרעזידיום האט געפרובט אונטערצוהאנדלען מיטן ה׳ קאלמאן, יענער איז אבער געבליבען ביי ס׳זייניגע אזוי אז דאס פרעזידיום האט איהם גע־מוזט געבען דאס ווארט פארצולייענען די ערקלערונג:

„חשובע קאנפערענץ! נעהמענדיג אין אכט אז די עקזעקוטיווע פון פא״י האט געמאכט וואהלען טעראריזירענדיג בסדר די אפאזיציע וועלכע פיהרען זיך אין דער ראלע פון תקיפים, דראהענדיג די אונ־דערשראקענע חברים מיט נישט געבען קיין סערטיפי־קאטען, האבען זיך נישט נאר בענוגענט מיט דעם צו שאפען פאר זיך א קינסטליכע מעהרהייט, נאר האבען אויך דיסקוואליפיצירט אויפ׳ן צוזאמענפאהר די ח״ח פון דער בענדינער אפאזיציע, וועלכע זענען די אמתע לעגאלע פארשטעהער פון דער ארטיגער גרופע, און צו פאוואריזירען אויף אונזער חשבון די רעכטע גרופע. צוליב דעם קענען מיר נישט ווייטער זיך בעטייליגען אין דער קאנפערענץ און מיר נעהמען פון זיך אראפ די פעראנטווארטליכקייט פאר די אנ־גענומענע בעשלוסען וועלכע זענען פאר אונז נישט בינדענד״.

נאכן אפגעבען די ערקלערונג

פערלאזען דעם זאל

די דעלעגאטען פון בענדין, סאסנאוויעץ, זאגלעמביע, בעלכאטאוו און אויך א גרויסע צאהל פון לאדז, זינ־גענדיג די פא״י שבועה.

עס נעדויערט קרוב א שעה צייט ביז עס גע־לונגט צו בערוהיגען די געמיטער און צוריק צו צו־טרעטען צום סדר היום.

ס׳ווערט אריינגעטראגען א פארשלאג וועגען שאפען א בנות פועלי אגודת ישראל.

דער ערשטער אין דער גענעראל־דעבאטע רעדט הרב פרענקעל (הארליטש). ער ווייזט אויף דער צע־פליטערונג רופט צו אחדות און איז געגען דעם,

דער פארזיצער ערקלערט, היות די לינקע אפאזי־ציע האט פערלאזט די זיצונג ווערט במילא מעריטא־ריש אראפגענומען פון סדר היום דער פונקט „וועגען דער בעציהונג צו דער אגודה״.

הרב גליק (טעלכאן) קריטיקירט שאהף דעם פאר־זיצער פאר זיין בעריכט: וועגען שטארקען די ארגא־ניזאציע נאר אין כמות, ער פאדערט אויף די עקזעקו־טיוו מיטגלידער צו בעזוכען עטליכע מאל אין יאהר די שטעטלעך.

פאזשענטשעווסקי פאדערט צו שאפען די בנות ארגאניזאציע.

ה׳ איטשע מאיר לעווין (לובלין), ענטפערט דעם פרעזעס לאנדענבערג, וועגען דער השפעה אויף רעבטם און ערקלערט, אז ס׳איז ארויסגעווארפענע ארבייט, מחמת די פיהרער פון אגודה האבען קיין שום פערשטענדעניש נישט פאר פועלי־אגודת־ישראל ־ בעוועגונג. און אוודאי האבען זיי נישט דאס געפיהל און אחריות פארן קאמף אויף רעכט פון יודישע ארבייט. ווער זאל זיך שטעלען אין קאמף, די אגודה מיט עקערמאנען בראש? — דא ענטשטעהט א טומעל, א טייל דעלעגאטען אפלא־דירען, א טייל שרייען, — דער פארזיצער נעהמט צו ביי לעווינען דאס ווארט.

שטראסבורג (קיעלץ) בעקלאגט זיך שטארק אויף די אגודה־פארשטעהער פון קיעלץ.

ווילדענבערג (נאווידוואר) בעקלאגט זיך, הלמאי זארגט די עקזעקוטיווע אזוי וועניג אויף דער קול־טורעלער אויסבילדונג פון די פועלי־אגודת׳טען, און ער זאגט זיך ארויס פאר שאפען א זעלבסטשטענ־דיגע ארגאניזאציע.

גוטמאן (זשעליכאוו) בעקלאגט זיך אויף דער גלייכגילטיגקייט פון דער עקזעקוטיווע צו דער פראָ־ווינץ. פון היינט אן דארפען געשאפען ווערען מע־שים. אויך געשאפען ווערען א פא״י־ליטעראטור, וועלכע זאל אויפקלערען די צילען און וועגען פון פא״י.

נאך דעם ווערט די גענעראל ־ דעבאטע איבער־געריסען און עס האלט א

רעפעראט וועגען קהלות וועזען

דער פרעזעס פון דער ווארשאווער קהלה, ה׳ ש. סענדיק.

ער הויבט אן פון דער ענטשטעהונג פון קהלות־וועזען אין פוילען אין 13־טען יאהרהונדערט ביז היינט און ווייזט אן, אז שטענדיג און אויך איצט זענען דא קהלה׳שע תקיפים, וועלכע פיהרען די קהלה ביד חזקה, איגנארירענדיג די אינסטאנצען, וועלכע האבען זיי געוועהלט.

צום סוף טראגט ה׳ סענדיק אריין א רעזאלוציע ווי צוו. אנד. ווערט געפאדערט: צו קעמפען אין די קהלות אריינצושטעלען אין די בודזשעטען סוב־סידיעס פאר חינוך, סאציאלע הילף, פראדוקטיווי־זאציע, ישוב ארץ־ישראל, הילף פאר עולים קיין ארץ־ישראל און פאר געהן בעזונדערס ביי קהלה־וואהלען.

ראזענבלום (שעדלעץ) פרעגט אן: הלמאי איז נאך ביז איצט נישט פערעפענטליכט געווארען קיין ביולעטין, וויפיל געלד עס איז איינגעפלאסען אין קרן־הישוב, און וואס מ׳האט מיטן געלד אויפגע־טון.

אויף אלע פאר־וואורפען ענטפערט ה׳ זישא פרידמאן.

„איך בין נישט צופרידען — הויבט ה׳ פריד־מאן אן — הלמאי האט דער פארזיצער אראפגענו־מען פון דער טאג־ארדנונג דעם פונקט: די בע־ציהונג צו דער אגודה, ס׳וואלט כדאי געווען צו הערען די קריטיק, אפשר וואלט מען זיך אדורכ־געשמועסט און געקומען איין מאל פאר אלע מאל צו א טאלק.

אי, וואס מען בעקלאגט זיך אויף דער אגודה? — דאס האלט דער רעדנער — פאר א מאדנע זאך, מ׳וויל נאכמאכען די מאדערנע ארגאניזאציעס, א־בער דאס איז נישט לויטן גייסט פון דער תורה, און אויב מ׳האט טענות! דארף מען קומען און זיי ערקלערען. איך געה מיך נישט פערענטפערען, איהר מעגט עס מיר גלויבען, נאר למען האמת, מוז איך פעסטשטעלען, אז מיר אלס גענעראל־סעקרעטאר, זענען נישט בעקאנט די אלע פאָרוואורפען, אבער איהר חשוב׳ע דעלעגאטען מוזט וויסען: אויב ס׳־עקזיסטירט א פא״י־ארגאניזאציע איז עס נאר א דאנק דער אגודה. מיר און נישט קיין אנדערע זענען געווען די בויער, דערפאר איז נישט אמת, אז מיר האבען נישט געהאלפען די גרינדער פון פא״י.

די אלע בעשולדיגונגען — ערקלערט דער רעד־נער — זענען מעשים פון יחידים, אבער מ׳קען דאך דערפאר נישט בעשולדיגען די אגודה אלס גאנצע, נישט ווענינגער שולדיג זענען אויך די מיטגלידער פון דער פא״י עקזעקוטיווע, וועלכע האט נישט גענוג ענערגיש געפאדערט ביי דער אגודה, עס פעהלט לחלוטין דער קאנטאקט צווישען אונז, און ער פערשטעהט בכלל נישט, הלמאי איז נויטיג בע־זונדערע חינוך־גרופען און ער זאגט צו — אז דער צ. ק. פון אגודה איז גרייט צו העלפען מיט אלע מיטלען.

צום סוף — ערקלערט דער רעדנער — „אויב פא״י וויל מצליח זיין אין איהרע פאדערונגען, מוז זי רעדען צום יושר פון ארבייטס־געבער, אט אין זין פון תורה־גייסט, קיין אנדערע מיטלען — זעהט דער רעדנער נישט — נאר מיט די תורה־שפראך וועט מען געווינען, קיין אנדער געוועהר האבען מיר נישט״.

ה׳ נוסבוים ערקלערט: אלס איינער פון דער אפאזיציע, אז ס׳איז געשעהען א מיספערשטענד־ניש מיט׳ן פערלאזען די קאנפערענץ.

„מיר זענען נאר געגען דעם פרעזידיום, מיר ערקלערען אבער, אז אינערהאלב דער ארגאניזאציע וועלען מיר ווייטער קעמפען פאר א זעלבסטשטענ־דיגע פא״י־ארגאניזאציע. עס ווערט צוליב דעם א טומעל און דער פארזיצער שליסט די זיצונג.

דינסטאגדיגע פארמיטאג־זיצונג

ווייטערדיגע דעבאטען און רעפעראטען אויף דער 4־טער זיצונג

די 4־טע זיצונג עפענט ה׳ י. דייטש אלס ערש־טער רעדנער בעקומט דאס ווארט אין די דעבאטען ה׳ רובין (זשעלאכאוו) — וועלכער קריטיקירט דעם איצטיגען פראקציע ־ סיסטעם ביי הכשרה און עליה־פראגען, בעריהרט די שווערע לאגע אין די עבודים, וואס רופט זיך שלעכט אפ אויף די פיזישע און קולטורעלע ענטוויקלונג פון די חברים: ער קריטיקירט אויך די קאנקורענץ צווישען די הכשרה קבוצים.

ראטמ. איצקאוויטש (קאליש) פערטיידיגט די אגודה און איז געגען גרינדען די בנות פועלי־אגודת ישראל.

ה׳ כמעלניק (פולטוסק) ווייזט אן אויף דעם חילוק פון פא״י און אנדערע ארבייטער־ארגאניזא־ציעס, אבער ער זעהט נישט קיין אויסוועג, וואס עס וועט זיין ווייטער.

מיטגלידער פון צענטראל ־ ראט פון פא״י ה׳ פיקולא (בעלכאטאוו) פערלאנגט טאלעראנץ פאר דער אפאזיציע. ער האלט, אז אין ווארשא איז גע־מאכט געווארען א פאטאלע התחלה, — מיטן אויס שליסען פון דער ארגאניזאציע איניגע חברים.

— וואס אזוינס וויל דאס די ארגאניזאציע? און ווער זענען זיי? — דאכט זיך, אז קיין אנדערע נישט, ווי די איצטיגע פיהרער און טעארעטיקער פון פא״י, האבען אויסגעארבייט די דאזיגע רעזאלוציעס, וואס די אפאזיציע וויל זיי רעאליזירען. דער אונטערשיד צווישען דער אפאזיציע און די פיהרער איז די, וואס די ערשטע האלטען, אז רעזאלוציעס זענען רעזאלוציעס, אבער אויספיהרען — לאו דוקא. בעת די אפאזיציע האלט, אז ס׳איז נישט גענוג בלויז דאס אננעהמען די רעזאלוציעס מען דארף זיי פער־ווירקליכען.

וואס שייך אונזער פאליטישע שטעלונג, איז ביי אונז אויסגעארבייט געווארען א דעקלאראציע, אז אין פאליטישע און עקאנאמישע פראגען געהן מיר בעזונדער, וואס האבען מיר אבער געזעהען אויפן לאנדעם ־ צוזאמענפאהר פון דער אגודה! — אונ־זערע דעלעגאטען האבען געשטימט פאר דער פא־ליטישער רעזאלוציע.

מיר ווערען כסדר אויסגעלאכט אלס בעלי־חלומות און ראמאנטיקער, און מיר טוען גארנישט אז אינערהאלב דער אגודה זאל מען בעקומען אכטונג פאר אונזערע גערעכטע פאדערונגען. אויך האבען מיר נישט געהערט אין די רעפעראטען פון אונזערע דעלעגאציעס קיין ארץ־ישראל. וואס אזוינס האבען מיר אויפגעטון אין ארץ־ישראל, וועגען אלעם הא־בען מיר געהערט נאר נישט וועגען דעם. עס דארף איינמאל פאר אלע מאל קלאר ווערען, ווי האלטען מיר אין דער וועלט! זענען מיר א בעשטאנדטייל פון דער אגודה, טא צו וואס איז דאס זיך צו נאר צו מאכען און צו רעדען צו מענשען, וועלכע פער־שטעהן נישט און קענען נישט פערשטעהן אונזערע פאדערונגען.

צום סוף ענטפערט דער רעדנער דעם ה׳ זישא פרידמאן, וועלכער האט ערקלערט: אז די אפאזי־ציאנערען האבען נישט און קענען נישט אנגעבען קיין פאקטען, וואס שטיצען זיך אויף צו קענען בעשולדיגען די אגודה. ער גיט אן עטליכע פאקטען, ווי די אגודה האט געצוואונגען די רבנים אין עט־ליכע שטעט ארויסצולאזען קול־קורא׳ס געגען די פא״י קאנדידאטען בעת די וואהלען צו קהלות און שטאט־ראט. אויב עס וועט ווייטער אזוי געהן, וועל איך קיין איין מינוט נישט מעהר זיצען אין צענט־ראל־ראט און טראגען די אחריות פאר אזא פא־ליטיק״.

דעם רעדנער ענטפערט

ה׳ לייבל פראם

וועלכער ערקלערט: — איך נעהם ספעציעל איצט דאס ווארט, כדי צו ענטפערן דעם חשוב׳ן חבר פי־קולא, וועמען איך האלט פאר אנ׳ערנסטען איבער־געגעבענעם חבר אונזערן און אלס אזעלכען וויל איך טאקע נישט, אז זיינע ווערטער זאלען שלעכט פערשטאנען און אויסגעטייטשט ווערען. איך האב אויך א סך צו ענטפערן דעם ה׳ זישא פרידמאן, ער איז אבער איצט נישטא, וועל איך עס אפלעגען אויף שפעטער. נישט אמת איז אבער, אז מיר האבען אויפן אגודה ־ צוזאמענפאהר געשטימט פאר דער פאלי־טישער רעזאלוציע פון דעפוטאט לייבל מינצבערג, און אזוי ארום אפראבירט זיין פאליטישע טעטיג־קייט אין סיים. מיר האבען נאר געשטימט אויף דעם טייל פון דער רעזאלוציע ווי עס האט זיך גערעדט: וועגען דער זאכליכער בעציהונג צו דער רעגירונג. אבער דער רעדנער האלט, אז דאס אפרייסען זיך פון דער אגודה, וועט צו גאר נישט דערפיהרען, גיכער — צו א פערניכטונג פון פא״י. און דער־פאר איז שעדליך יעדער ארט דיסקוסיע ארום דעם פונקט.

„מיר — ערקלערט דער רעדנער — האלטען, אז מיר מוזען זיין ווייטער אויטאנאם אין פאליטישע און עקאנאמישע פראגען, די ביז איצטיגע עקזע־קוטיווע פון פא״י איז אבער געווען נישט גענוג מוטיג דאס אדורכצופיהרען אינערהאלב די רייהען פון דער אגודה. און דערפאר איז עס נישט קיין פראגע פון רעזאלוציעס, נאר פון פערזאנלען, און דאס דארף טאקע זיין די אויפגאבע פון צוזאמענ־פאהר צו וועהלען אנ׳עקזעקוטיווע פון שטארקע מענשען.

ה׳ גראנעטשטיין (לובלין) ענטפערט דעם ראט־מאן איצקאוויטש און האלט, אז ס׳דארף יא געשא־פען ווערען א בנות פא״י.

ה׳ רובינאוויטש (סקערניעוויץ) גיט אפ א גרוס פון הכשרה קבוץ אין אלעקסאנדער און דערצעהלט: אז די חברים אין קבוץ לעבען ביי אונערטרעגליכע בעדינגונגען, מיט קליינע געלד־מיטלען וואלט מען געקאנט אויסבעסערען זייער קריטישע לאגע.

פרנס סינדיק (ווארשא) ווייזט אן, אז וועגען אלעמען האט מען דא געהערט, נאר נישט וועגען די ארבייטען און אויפגאבען אין ארץ־ישראל, דערביי קריטיקירט ער שארף, הלמאי איז נאך ביז איצט נישט געשאפען געווארען א פא״י־ארגאניזאציע. אין ארץ־ישראל. די, וואס עקזיסטירט דארטען איז נישט קיין פא״י. עס איז אנ׳ארגאניזאציע פון דער אגודה, ווי דער לייטער איז א צעירי אגודה׳ניק אזוי, אז אונזערע חברים, וועלכע זענען עולה, האבען נישט קיין אייגענע ארגאניזאציע. ער פאדערט אויף, אז ס׳זאל שוין איצט געגרינדעט ווערען אין ארץ־ישראל א פא״י־ארגאניזאציע.

ה׳ גאלדשטיין (לאדז) איז געגען פאליטיקאנעריי אין דער ארגאניזאציע, ער פערלאנגט, אז ס׳זאל גע־פיהרט ווערען אנ׳אידעאלאגישע אויפקלערונגס ־ ארבייט.

ה׳ זיסמאן (פולטוסק) פאדערט אויף צו וועהלען אנשי מעשה. נישט ווי ביז איצט, וואס אלץ האט זיך אנגעהויבען און געענדיגט ביים רעדען.

עס ווערט ערקלערט

א הפסקה אין דער דעבאטע

און עס האלט זיין רעפעראט

הרב מייעראן

„וועגען חנוך און יוגענד־פראבלעם״ — וועלכער ווייזט אן, אז די פראבלעמען זענען דא ביי אלע פעלקער און אודאי ביי אונז יודען און קומט צום אויספיהר, אז נאר אויפ׳ן וועג פון תורה און יהדות וועט געלונגען די פראבלעמען צו לעזען.

א גרויסע רעדע האלט

ד״ר ברויער

ער זאגט: — כ׳בין נישט געקומען אויף דער קאנפערענץ צו האלטען רעדעס, כ׳בין געקומען פון אייך לערנען. כ׳האב א סך געלייענט וועגען אייך, עס איז אבער נישט גלייך דאס הערען. ווי אליין צו זעהן, און איך מוז זאגען, אז אין די אנדערהאלבען טאג, וואס איך געפין זיך דא מיט אייך, הויב איך נישט אן צו פערשטעהן, וועגען וואס אזוינס פלפולט מען זיך: יא געהן מיט דער אגודה, נישט געהן מיט דער אגודה, וואס פאר א פראגע איז עס? דער נאמען אליין זאגט דאך נושט עפעס אנדערש ווי דאס ערשטע. איהר רופט זיך: פועלי אגודת ישראל. איז ממה נפשך, געהערט איהר צו דער אגודה, איז דער נאמען א ריכטיגער. געהט איהר אבער אוועק — קענט איהר זיך רופען ווי איהר ווילט, נאר נישט פא״י. דער נאמען פא״י זאגט: ארבייטער פון אגודת ישראל, און איך זאג, אז צו־ערשט מוזט איהר זיין תורה יודען, דאן אגודיסטען און דאן ערשט פועלים.

אין ארץ־ישראל ווערט אבער פערלעצט דער כח התורה, און ווי קענען מיר רוהיג זיין, ווען אונזע־רע פא״י רעדען וועגען שאפען אין ארץ ישראל א בעזונדערע ארגאניזאציע, איהר ווייסט וואס דאס הייסט? — אפרייסען זיך פון עם־השם און געהן צוזאמען מיט די פרייע.

גראד איצט איז נויטיג, אז אונזער ארגאניזאציע זאל זיין איינהייטליך כלפי פנים שטארק און מעכ־טיג גרוים כלפי חוץ. מיר מוזען פיהרען אונזער קאמף אין ארץ ישראל פאר׳ן חזוק הדת והיהדות.

ווי כ׳האב שוין ערקלערט, מוזט איהר זיין צו־ערשט יודען, דאן אגודאנטען און שפעטער — פועלים, ווילט איהר אבער זיין פערקעהרט, וועלען מיר פאר אייך גארנישט טון. איהר ערקלערט, אז איהר זענט אונצופרידען מיט דער אגודה, אבער איהר מוזט דאך קלאר זאגען, אין וואס בעשטעהט די נישט צופרידענהייט, איהר זאגט, אז די אגודה אונטערדריקט אייך — ערקלערט מיט וואס? און איך ערקלער אלס מיטגליד פון ועד הפועל פון דער וועלט־צענטראלע, אז מיר איז נישט בעקאנט קיין איין פאל, ווי איהר זאלט זיך האבען געווענדעט צו אונז און מ׳זאל אייך דערין האבען אפגעזאגט. איך פון מיין זייט ערקלער, אז קיין איין מינוט וואלט איך נישט געבליבען און וועל נישט בלייבען, אויב מ׳וועט אייך אנ׳עוולה טון.

פרעזעס פון דער קאלישער קהלה ה׳ משה יוסף העבער, בעגריסט די קאנפערענץ און האפט, אז די דעלעגאטען וועלען פערשטעהן זייער אויפגאבע, און האלטען זיך ווייטער אין די רייהען פון דער אגודה.

מיט׳ן רעפעראט פון ה׳ נ. שצופאק „וועגען די קולטורעלע אויפגאבען פון פא״י, ווערט די פארמי־טאג־זיצונג געשלאסען.

אכטונג, לעטניקעס!
א׳ז ווישניאוו־גורא
דעם „ביליגען
פאלקסבלאט״
בעקומט מען יעדען טאג 8 פריה
ביים צייטונגס־פערקויפער יאמניק,
ווילל קאוואלא.
בעשטעלונגען ווערען אפגעשיקט אהיים.

אינדיווידועלע
רייזעס קיין פאלעסטינא
געגען קויציע פון 1.800 זל. מיט דער שיף „POLONJA״
אינפארמאציעס:
Wagons-Lits Cook
PIOTRKOWSKA 64, tel. 170-77.

Doktór
Z. Henrykowski
ספעציאל־ארצט פאר ווענערישע
הויט־קראנקהייטען און מענער־שוואכע
וואוינט יעצט
9 טראוגוטא 9
טעל. 262-98
נעהמט אן פון 8—11 און פון 6—9 אווענר
פאר פרויען א ספעצ. ווארטע־זאל

ראַדיאָ - פּראָגראַם

מיטוואָך, ד. 10 יולי

6,36 גימנאַסטיק. 6,50 פּליטעז. 7,35 פּליטען 1157 צייט-סיגנאַל, 12,03 ידיעות, 12,15 פאַר זומער-וואַקאַנצן אין קור-ערטער. 1 שמועס פאַר פרויען. 1,05 קאָנצערט. 1,30 רעוויע פון סאַלאָן-אינסטרומענטען. 3,15 בערזע. 3,25 עקספּאָרט. 3,30 לידער. 4 שמועס פאַר פרויען. 4,15 קאָנצערט. 5 באַלעט-מוזיק. 6 פּראַקטישער סקעטש. 6,15 „גאַנץ פּוילען זינגט". 6.30 פּליטען. 7,15 רעקלאַמע-קאָנצערט. 7,30 פּאַרטעפּיאַן-קאָנצערט. 7,50 אויסלענדישער הומאָר. 8 פּליטען. 8,10 מוזיק. 8,35 ידיעות. 8,50 רעפּערטאַ. 9 קאָנצערט. 9,35 רעפּעראַט. 9,45 קאָנצערט פון דאַנ'ס כאָר. 10,05 ספּאָרט. 10,15 קאָנצערט. 11 ידיעות, קאָמוניקאַטען

פון דער לאָדזער בערזע

באַנק פּאָלסקי	—	—	—	90.50
3 פּראָצענטיגע	בודאָוולאַנע		—	42.50
4 „	דאָלאַרוּבקאַ		—	52.40
7 „	סטאַביליזאַציע (אמ.)			67.50
5 „	וואַרשאַווער פ.-ב.		1934	59.75
5 „	לאָדזער	„		52.75
ענגלישער פונט	—	—	—	26.21
דאָלאַר אָפיצ.	5.28	נישט אָפיצ.	—	5.24
גאָלד-דאָלאַר	—	—	—	9.08
גאָלד-רובל	—	—	—	4.69
דייטשער מאַרק	—	—	—	1.79

לודוויק זאַץ

אין „ראַזמאַיטאַשטשי"-טעאַטער

לודוויק זאַץ, דער געניאַלער קינסטלער האָט דערוואָרבען אַזאַ אינטערעס צו זיינע גאַסטשפּילען, וואָס יאָהרען-לאַנג געדענקט עס שוין לאָדז נישט. אַלע קומען בעוואונדערן דעם גרויסען קינסטלער אין זיין הערליכער קרעאַציע פון שלימזלדיגען שניידערל שלום פסח „דער גזלן".

היינט אָוונט ווערט איבערגעחזר'ט „דער גזלן".

ק. ק. א.-אָפּטיילונג

עפענט זיך היינטיגען חודש אין זגערזש

(א) די קרייז־ק.ק.א. האָט זיך אַ לענגערע צייט שוין בעמיהט צו עפענען אַנ'אָפּטיילונג אין זגערזש.

איצט האָט די ק.ק.א. אַזאַ דערלויבעניש בעקומען און די זגערזשער אָפּטיילונג וועט נאָך דעם לויפענדען חודש געעפענט ווערען

תיקון טעות

צוליב אַ פערזעהן איז אַרויסגעפאַלען פון דער „דערקלערונג" פון פראַפ. פעראיין פון בעקליידונגס-אינדוסטריע דער נאָמען יצחק ראָזענבעם, וועש צושניידער.

Dr. REICHER
פּאָלודניאָווע 28, טעל. 201-93
ספּעציאַליסט
פאַר מענער-שוועכע-בעהאַנדלונג
סעקסועלע בעראַטונגען און פסיכאָ-אַנאַליזען
נעמט אָן פון 8–11 און פון 5–8 אָוועגד

„יונג-טעאַטער"

אין פילהאַרמאָניע

ווי ס'איז געווען פאָראויסצוזעהן האָט „באָס-טאָן" אויפגעפיהרט דורכ'ן וואַרשאָווער „יונג-טעאַטער" שטאַרק אויסגענומען ביים עולם. דאָס פּובליקום פאָלגט נאָך מיט אַנ'אויסערגעוועהנליכען אינטערעס די האַנדלונג פון דער פּיעסע און ווערט אַריינגעצויגען אין שפּיל.

דער אָריגינעלער סיסטעם פון שפּילען אין זאָל צווישען פּובליקום איז אַ נייעס אין לאָדז און איז זעהער געפעלען דעם פּובליקום, וואָס האָט אַזוי אַרום אַנ'אומיטעלבאַרען קאָנטאַקט מיט די אַרטיסטען און ווערט מיטגעריסען מיט די געשעהענישען און ווערט אַ טייל פון ספּעקטאַקל.

„יונג טעאַטער" בלייבט און לאָדז נאָר אַ קורצע צייט.

קוראַציע-פּעסער

קיין טשעכאָסלאָוואַקיי

די היגע אָפּטיילונג וואַגאָן-לי־קוק מאַכט בעקאַנט, אַז זי בעזאָרגט ווייטער הנחה-קוראַציע-פּעסער אין אַלע געגענדען אין טשעכאָסלאָוואַקיי.

די דאָזיגע פּעסער זענען גילטיג אויף 5 וואָכען. זעמטליכע פאָרמאַליטעטען, וואָס זענען פערבונדען מיט'ן דערהאַלטען אַ פּאַס אין סטאַראָסטווע ווי אויך וויזעס אין וואַרשאָ ערלעדיגט וואַגאָן-לי־קוק פּיעטרקאָווער 64.

4 אין אינטערעס פון אַלע פּעראינטערעסירטע ליגט וואָס פריהער זיך צו מעלדען אין ביוראָ כדי זיך צו רעזערווירען אַ פּאַס.

די ביוראָ אַרבייט אויך אויס אינדיווידועלע פּעסער קיין עסטרייך.

„פּען-בינער"

אַרויס דאָס ערשטע בוך, יצחק באַשעוויס'עס „דער שטן פון גאָריי"

דער יודישער „פּען-קלוב" אין וואַרשאָ איז בידוע צוגעטרעטען צו אַ פערלאַגס-טעטיגקייט, וואָס דאָס איז אין דעם איצטיגען קריטישען מאָמענט אַ זאַך פון אומגעהייערער קולטור-בעדייטונג.

אַלס ערשטער בוך פונ'ם פערלאַג איז ערשינען דער ראָמאַן א. ג. „דער שטן פון גאָריי" פון דעם יונגען שריפטשטעלער יצחק באַשעוויס.

נאָך בעת דער ראָמאַן האָט זיך אין המשכים געדרוקט אין דעם זשורנאַל „גלאָבוס" האָט ער געווענדט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די יודישע קינסטלערישע קרייזען און פון דעם אינטעליגענטען יודישען לעזער.

אגב איז דער ראָמאַן זעהר זאָרגפעלטיג אַרויסגעגעבען און קאָסט זעהר ביליג–3 זלאָטעס.

איצט איז אין לאָדז געקומען אַ שלוח פונ'ם פערלאַג, דער ה' הענעך טאָדרעס. עס איז זיין וואונש, אַז דאָס ערשטע בוך פונ'ם „פּען-פערלאַג" זאָל גוט פערשפּרייט ווערען, בכדי צו דערמוטיגען דעם פערלאַג צו ווייטערער אַרבייט.

Dr. med. L. Berman
צעגעלניאַנאַ 15. טעל. 149-07
זעצי אַל-אַרצט פאַר מענער-שוועכע-בעהאַנדלונג און סעקסועלע בעראַטונג.
נעמט אָן פון 8–11 און פון 4–8 אָוועגד.
זונטאָג פון 9–1 פאַרמיטאָג.
פאַר אומבעמיטעלטע—לעטשניצע-פרייזע

קליינע אַנאָנסען
1 זלאָטי
אַנאָנס ביז 15 ווערטער

פרייע פּאָסטענס

אַ האַנד-שפּולערין אויף וואָל ווערט פון זאָפאָרט געברויכט. קרעל, פּיעטרי-קאָווער 86, וו. 37.

אַ יונגעל צו שאָכטעל-אַרבייט, וואָס זאָל קענען דאָס פאַך, ווערט געזוכט. צו ערפאַהרען פּיעטריקאָווער 66, וו. 61.

ראַקאַלען

אַ צימער און אַ קוך מיט בעקוועמליכקייטען, קאָמפּלעט דעמאָנטירט, זאָפאָרט אָפּצוגעבען. צו ערפאַהרען פּיעטריק. 117, וו. 19. צו טרעפען פון 5–7 נאָכמ.

איבערצוגעבען אַ גרויס לאָקאַל געאייגנעט אויף אַנ'עקספּעדיציע אָדער קליינע פאַבריק אין צענטרום שטאָט מיט עלעקטריע, וואַסער און צייטווייליגע קראָפט אויף שטשעלעצקאַ (קאָלעינאַ 5), צו ערפאַהרען פּיעטריקאָווער 54, ביי די פּעראייניגטע פליישער.

2 pokoje z kuchnią, front. III piętro, 3 pokoje z kuchnią, parter, do wynajęcia, ul. Piłsudskiego 57.

פערשידענעס

אַ געברויכט שלאָפצימער, אַ גאַנצער קאָמפּלעט, אין גוטען צושטאַנד צו פערקויפען 11-go Listopada № 31 פראָנט, 1. שט. לינקס. tel. 125-70 [illegible]

קאַוויאַרניע-באַר אין צענטרום שטאָדט, צוליב אַבריזע, ביליג צו פערקויפען. אינפאָרמאַציעס טעל. 166-27.

צו פערקויפען אַ סוועטער-מאַשין 8/70 אין גוטען צושטאַנד. צו ערפאַהרען זשידאָווסקאַ 15. ביי גאָלדגור.

Dr. med. M. TAUBENHAUS
ספּעציאַליסט
פאַר אַקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען
פערהיטונג געגען שוואַנגערשאַפט
זגערזשער 11, טעל. 246-09
נעמט אָן פון 4–8 אָוועגד.

ד"ר העללער
ספּעצ. פאַר הויט און וועגערישע קראַנקהייטען און מענער-שוועכע
8 טראַוגוטאַ 8, טעל. 179-89
נעמט אָן פון 8–11 און פון 4–8 אָוונט.
זונטאָג פון 10–12 מיטאָג.
פאַר פרויען אַ ספּעציעלער וואַרטע-זאַל.
אומבעמיטעלטע — לעטשניצע-פרייז

ד"ר ס. קאַנטאָר
ספּעצ. פאַר הויט און וועגערישע קראַנקהייטען (מענער-שוועכע)
פּיעטריקאָווער 90
טעל. 129-45.
נעמט אָן פון 8–2 נ"מ און פון 6–9 אָוו

Dr. med. Niewiażski
ספּעציאַליסט פאַר טריפּער, סיפיליס און הויט-קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער-שוועכע
אַנדזשעיאַ 5, טעל. 159-40
פראָנט, 1-טער שטאָק.
נעהמט אָן פון 8—11 און פון 5—9 אָוו.
זונטאָג און יום-טוב פון 9—1 פאַרמיטאָג.
בעזונדערער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

Dr. med.
IGNACY GRYNBERG
אינערליכע קראַנקהייטען
(ספּעציאַליסט פאַר האַרץ-קראַנקהייטען)
17 CEGIELNIANA 17
telefon 174-15.
נעהמט אָן פון 6 ביז 8 אָוונט.

Dr. Med.
J.Schlosser
כירורג
צעגעלניאַנא 30 טעל. 122-16
נעהמט אָן טעגליך פון 4–7 אָוו.

צאָהן-אַרצט
ס. וואָטניצקאַ
65 גאַפּיוטרקאָווסקיעגאַ 65
נעמט אָן פון 9–1 און פון 3–8 אָוונד

אבצימאַרקן-פאַבריק
WYTWÓRNIA ODBIJANEK
פאַר: שטרימף, מאַנופאַקטור, זיידע, טריקאָטאַזשן און גאַרבערייען
פערטיגט אויס די דרוקעריי
„FUTURA"
Piotrkowska 64
tel. 236-25.

לעטשניצע
פאַר וועגעריש קראַנקע
פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
לאָדז, זאַוואַדזקאַ 1
טעל. 122-73
טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אָוועגד.
וועגעריש-קראַנקע, מענער-שוועכע און הויט-קראַנקהייטען
אַנאַליזען פון בלוט און אורין
די פערהיטונגס-סטאַציע
אין טעטיג אַ גאַנצען מעת לעת
פאַר פרויען אַ ספּעציעלער וואַרטע-זאַל
אַ בעראַטונג 3 זל.

דאָס איבערגעטראַגענע פון וואַרשע
Laboratorjum analiz lekarskich
„SANITAS"
Mag. Chem. G. SZAMES
(abs. kurs. anal. lek. P. Z. H.)
Wólczańska 41, tel. 232-94
פיהרט אויס אַלע אַרט אַנאַליזען פון בלוט, אורין, פלעגמע א. אַ.
אויפן טעלעפאָנישען פערלאַנג שיקען מיר נעמען מאַטעריאַל און שיקען אָפּ די אַנאַליזען אהיים

לעטשניצע
פון דאָקטוירים - ספּעציאַליסטען
זגערזשער 17
טעל. 116-33
רענטגען-גאַבינעט
וועגעראָלאָגישעס אַמבולאַטאָריום
פון 9 פריה ביז 8 אַ זייגער אָוונט.
וויזיט 3 זל.

שיימלען
מיט פּאַריזער שרינגען און פערטיגע שייטלען
ביי קערש.
סקווערנאַ 15

וויכטיג פאַר דאַמען
נאָר 2 זל. ווערען פאַר איבערגע מאַכט די עלטעסטע היטען
אויף גאַנץ ניי און אויך נייע היטען צו 3.50
געדענקט די אַדרעס
Modystka
„TOLA"
23 Zawadzka 23

Dr. med.
H. RÓZANER
ספּעציאַליסט פאַר הויט, וועגערישע און סעקסועלע קראַנק.
Narutowicza 9
tel. 128-98
נעמט אָן פון 9–1 פאַרמ. און פון 5–9.

לעכער
ווערען אויסגעגעבען
[illegible]
שרודמיעסקאַ 8

Dr. med.
Z. DATYNER
אָרטאָלאָג
ספּעצ. פאַר נאָז, האַלז, אויערן, אויגען און קינדער-קראַנקהייטען
ZACHODNIA 59a, tel. 148-95
נעהמט אָן פון 8–6 און פון 3–2

אַלע ווייסען,
אַז
קליידער, אַנצוגען, מאַנטלען, קינדער-גאַרדעראָב און וועש
וואַשט, פּוצט, רייניגט און פאַרבט
די בעוואוסטע יודישע כעמישע וועשעריי און פאַרבעריי
„עריקאַ"
מלינאַרסקאַ 2 (ביים רוג בזשעזשינער)
די ביליגסטע פרייזען, רעעלע, אונשעדליכע אויספיהרונג!
צופאָהר מיט די טראַמוואַיען 1, 6, 14.

דער
פאָטאָגראַפישער אַטעליער
„POLONJA"
גדאַנסקאַ 31
גיט אַלס פּרעמיע אויף אַ קורצע צייט
7 רעטושירטע פאָטאָגראַפיעס
מיט אַ פערגרעסערונג נאָר פאַר 1.50
פאַר יודען, וואָס פאָהרען נאָך פּאַלעסטינאַ, ווערט אויסגעפערטיגט אַלע אַרט פּאַס-פאָטאָגראַפיעס שנעל, גוט און ביליג.
בעמערקונג: גרויסע בילדער מאַך איך צו זעהר נידריגע פרייזען.
מיט אַכטונג
אינהאַבער: גוטערמאַן
לאָדז, גדאַנסקאַ 31.

דרוקעריי און ליטאָגראַפיע
פון י. דיאַמענט
איז איבערגעטראַגען געוואָרען
אויף קילינסקיעגאָ 63, אין הויף
טעל. 188-76

אַנאָנסען
אין נייעם פאָלקסבלאַט
האָבען דעם גרעסטען דערפאָלג.

[illegible]

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i P. Wajntraub
Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.

אויפגאבען פון ציוניזם אין איצטיגען מאמענט

פאליטישער פלאטפארם פון דער ענגלישער ציוניסטישער פעדעראציע

לאנדאן (יט"א) די פאליטישע פלאטפארם פון דער ענגלישער פעדעראציע צום 19־טען ציוניסטישן קאנגרעס הויבט זיך אן מיט פאלגענדער שילדערונג פון דער אלגעמיינער יודישער לאגע: דער 19־טער ציוניסטישער קאנגרעס קומט זיך צונויף אין א צייט, ווען די לאגע פון יודישן פאלק איז טראגישער ווי ווען עס איז. פאליטישע דיסקרימינאציעס, ראסען־פאנאטיזם און עקאנאמישע רואין, בעשטימען דעם גורל פון מיליאנען יודען, צורויבענדיג ביי דער יודישער יוגענד אין פיל לענדער אלע האפנונגען איינגעגלידערט צו ווערען אין דעם ווירטשאפטליכען לעבען פון זייערע געבורטס־לענדער. דאס דייטשע יודענטום איז בעהערשט הורך אן אלץ טיפערע פערצווייפלונג, דאס פוילישע יודענטום זינקט אלץ טיפער אין ווירטשאפטליכער נויט. אין עסטרייך, רומעניען, לעטלאנד און אויף דעם מזרח ווערען בעדייטענדע טיילען פון דעם יודישן פאלק איינער נאך דעם אנדערען בעדראהט אדער אנגעגריפען דורך אומגליקען. א העלפט פון אלע יודען אויף דער וועלט בעניטיגט זיך אין ווירטשאפטליכער הילף, פאליטישער אונטערשטיצונג און נאציאנאלער ערלעזונג. פון וואנען וועט קומען זייער רעטונג? די ערפאהרונג פון די לעצטע יאהרען האט קלאר בעוויזען, אז די רעטונג פון אונזער פאלק קען געזיכערט ווערען בלויז דורך מיטלען פון קאנסטרוקטיווער אנשטרענגונג פון א נאציאנאלען כאראקטער. אפילו פעלקער, וועלכע זענען גוט געשטימט לגבי דעם יודענטום, וועלען נישט מאכען קיין שום קאנקרעטע שריט, כדי אונז צו בעשיצען געגען אונזערע פערפאלגער.

דער ציוניסטישער קאנגרעס דארף דעקלארירען פאר דער מענשהייט, אז יודען בעשטעהען ביי דער פאדערונג פון א בירגערליכער גלייכבערעכטיגונג.

דער ציוניסטישער קאנגרעס אלס העכסטער פאליטישער ארגאן פון דעם יודישן פאלק מוז גלייכצייטיג מאניפעסטירען די שטרעבונג און די ענטשלאסענהייט אויפצובויען אין א"י די נאציאנאלע היים, וואס קען איינציג מיטהעלפען דער לעזונג פון דעם יודישן פראבלעם.

ווייטער ווערט אין דעם פלאטפארם געשילדערט דער וואוקס פון דעם ישוב אין א"י, וואס צעהלט שוין איצט 350,000 נפשות און שטעלט מיט זיך פאר א גרויסען און געזונדען קבוץ. די דאזיגע ענטוויקלונג שעפט אבער נישט אויס דעם ציוניזם אלס גאנצעס. דער ציוניזם איז די נאציאנאלע בעוועגונג פון יודישן פאלק, א בעוועגונג, וואס שטרעבט צו יודישער נאציאנאלער און קולטורעלער קאנצענטראציע און צו דער לעזונג פון דעם יודישן פראבלעם דורך מיטלען פון דער יודישער נאציאנאלער היים אין א"י. דער קאנגרעס דארף דעריבער זיך ארויסזאגען פאר די פאלגענדע 5 פרינציפען:

1) קאנצענטרירונג פון די בעמיהונגען פון דעם גאנצען יודענטום, פון דעם אויפבוי פון דער יודישער נאציאנאלער היים. די צושפליטערונג פון אונזערע כחות דורך נישט אפהיטען די נאציאנאלע דיסציפלין, אהן וועלכער קיין שום פאלק קאן נישט געהען פאראויס, מוז אויפהערען.

2) דער פאליטישער כאראקטער פון דער רעטונג, וועלכע מיר זוכען אין א"י. די פאליטישע רעכט, וועלכע זענען געזיכערט געווארען דעם יודישען פאלק דורך דער באלפור־דעקלאראציע און דעם א"י־מאנדאט, מוזען זארגפעלטיג אפגעהיט און ענטוויקעלט ווערען אזוי, אז גלייכצייטיג מיט דעם וואוקס פון דער יודישער בעפעלקערונג אין א"י, דארף זיך ענטוויקלען אין א"י א יודיש נאציאנאל וועזען, פריי פון דער אויבערהערשונג פון פיינדליכע מערהייטען און גאראנטירט ביים געניסען פון נאציאנאלער זיכערהייט און נאציאנאלער ענטוויקלונג.

3) צו זיכערן די נאציאנאלע רעכט אין א"י פון דעם גאנצען יודישען פאלק אין און מחוץ א"י. קיין שום שריט אין דער ריכטונג פון פערלייקענען אדער פערקלענערען די דאזיגע רעכט קענען נישט אקצעפטירט ווערען דורך דעם קאנגרעס.

4) די ענטוויקלונג פון א געזונדען ווירטשאפטליכען סיסטעם אין א"י מיט א זארגפעלטיג אפגעהיטען גלייכגעוויכט, וואו זיי זאלען ענטוויקלען א נארמאל ווירטשאפטליך לעבען. געשטיצט אויף א געזונדער און פערצווייגטער לאנדווירטשאפט, אויף א זארגפעלטיג דורכגעטראכטען אינדוסטריעלען סיסטעם און אויף די יעניגע מעגליכקייטען פון א הויך־ענטוויקעלטען האנדעלס־לעבען, וועלכע עס שאפט די געאגראפישע לאגע פון ארץ־ישראל.

5) דער ציוניזם רעפרעזענטירט א רענעסאנס נישט נאר דעם קערפער פון יודענטום נאר אויך פון דעם גייסט פון א"י. אן אידעאל פאר דער יודישער נאציאנאלער היים מוז זיין די פארטזעצונג פון דעם לאנגען און בעדייטונגספולען גייסטיגען פראצעס, וועלכען עס רעפרעזענטירט די 4־טויזענד־יעהריגע עקזיסטענץ פון יודענטום צווישען די פעלקער פון דער וועלט. די גייסטיגע טראדיציעס פון יודענטום, די העברעאישע שפראך און איהר ליטעראטור, די יסודות פון יודישען געדאנק און שטרעבונג מוז בילדען א בעשטאנד־טייל פון דעם ציוניסטישען אידעאל, וועלכען מיר לעגען פאר אונזער יוגענד. (סוף קומט)

גרויסע פייערונג ביים קבר פון בערעק יאסעלעוויטש אין קאצק

פייערליכער אקט פון נעהמען ערד פון פולק. יאסעלעוויטש'עס קבר פאר'ן מארשאל פילסודסקי־קאפיעץ ארגאניזירט אין לובלין

לובלין. אין לאקאל פון מיליטערישען ראבינאט און אונטער'ן פארזיץ פון פולק. טשאפלינסקי, איז פארגעקומען א בעראטונג פון פרעזידיום פונ'ם קאמיטעט צו בעעהרען דעם אנדענק פון די געפאלענע יודישע זעלנער.

ווי עס האט איבערגעגעבען דער פרעזעס פולק. טשאפלינסקי, האט ער צוזאמען מיט'ן ראבינער קאפ. ראאב אינטערוועניערט ביים וויצע־פרעזידענט לישקאווסקי און בעקומען פון איהם א צוזאג, אז דער מאגיסטראט וועט אונטערשטיצען דעם פארשלאג אנצורופען צוויי גאסען אויף די נעמען פון פולק. בערעק יאסעלעוויטש און פאראוטשניק מאנספערל. פולק. טשאפלינסקי וועט נאך מאכען ווייטערע אינטערווענצען, כדי אויך אין שטאט־ראט זאל דער דאזיגער פארשלאג האבען א זיכערע מערהייט.

ווייטער איז בעשלאסען געווארען צוצוטרעטען צו ברענגען אין ארדנונג דעם בית־עולם פאר די געפאלענע יודישע זעלנער אויף אוניצקא גאס. דער בית־עולם וועט ווערען פערפלאנצט מיט בוימער, עס וועט געמאכט ווערען אן ענטשפרעכענדער טויער מיט א געהעריגער אויפשריפט.

עס איז בעטראכט געווארען אויך קאנקרעט דער פלאן פון אויפשטעלען א פערצוימונג ארום דעם קבר פון בערעק יאסעלעוויטש הינטער קאצק.

די נאהענטסטע ארבייט וועט זיין צו רעאליזירען דעם בעשלוס איבערצופיהרען א אורנע מיט ערד פון יאסעלעוויטש'עס קבר צום מארשאל פילסודסקי־קאפיעץ אין קראקא.

דער דאזיגער אקט וועט טראגען א פייערליכען כאראקטער.

קודם כל ווערט אויסגעפערטיגט א ספעציעלע אורנע, וועלכע וועט סימבאליזירען דאס יודישע און מיליטערישע פון בערעק יאסעלעוויטש. אין דער דאזיגער אורנע וועט אריינגעלייגט ווערען אויך דער ענטשפרעכענדער פארמעט־אקט מיט די געהעריגע אונטערשריפטען.

פון לובלין וועט צו דעם צוועק ארויספאהרען קיין קאצק א ספעציעלע דעלעגאציע צו פולק. בערעק יאסעלעוויטש'עס קבר.

אין דער דעלעגאציע וועלען זיך בעטייליגען פארשטעהער פון קאמיטעט פון דער יודישער קהלה, פון די קאמבאטאנטען, פון די יודישע אינוואלידען און אז. וו.

דער ארויספאהר פון לובלין וועט פארקומען זונטאג דעם 21־טען יולי.

די פייערונג אין קאצק וועט זיין א געמיינזאמע אויך מיט דער דארטיגער ארומיגער קריסטליכער און פויערים־בעפעלקערונג. אויפ'ן קבר וועט אפגעריכט ווערען א גאטעס־דינסט. עס וועלען געהאלטען ווערען רעדעס און געלייגט ווערען קרענץ.

דאס לעבען אין ארץ-ישראל

ידיעות פון דער יודישער טעלעגראפען-אגענטור

קאמף געגען אונלעגאלער עליה.

ירושלים. דער ירושלימ'ער ריכטער טאהער אפגאנ יהאט פערהערט 3 אונלעגאלע עולים פון טערקיי, וועלכע זענען פערהאלטען געווארען מיט א חודש צוריק אין מתולה. דער ציל פון דעם פערהער איז צו ענטדעקען די שמוגלער, וועלכע זענען טעטיג אויף דער סיריש־א"י'דיגער גרעניץ. ביז איצט זענען דער פאליציי בעקאנט העכער הונדערט שמוגלער פון אונלעגאלע עולים.

ירושלים. אן אראבישער פאליציאנט האט אין עפולה פערהאלטען אן אויטא מיט 5 דערוואקסענע און 6 קליינע קינדער. אזוי ווי די רייזענדע האבען נישט געקענט אנגעבען זייער וואוינארט, אין א"י, האט מען זיי אלע ארעסטירט.

א פאסאזשיר, וואס איז געקומען קיין א"י אויף דער שיף „ירושלים" איז ארעסטירט געווארען אונטער'ן חשד פון אונלעגאלער עליה.

הויך־קאמיסאר איבערגענומען דעם פאטראנאט איבער דעם פארשטעהענדען מזרח - יריד

תל־אביב. דער הויך־קאמיסאר האט איינגעשטימט איבערצונעמען דעם פאטראנאט איבער דעם פארשטעהענדען מזרח־יריד אין תל־אביב. אין א בריף צום בירגערמייסטער דיזענהאף האט דער הויך־קאמיסאר מיט צופרידענהייט גענומען צו קענטניש, דאס אויף דעם מזרח־יריד פון 1936 וועט בעזונדערס בערוקזיכטיגט ווערען די ענטוויקלונג פון דער לאנדווירטשאפט.

40 נייע הייזער אין רשפון.

ירושלים. אין דעם ארגון רשפון, נעבען הרצליה, איז מען צוגעטרעטען צו בויען 40 נייע הייזער. די ארבייט איז אנפערטרויט געווארען דער ארבייטס־צענטראלע ביי דער „הסתדרות".

וועגען האנדעלס - בעציהונגען צווישען א"י מיט די שכנות'דיגע לענדער

ירושלים. די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע פון דער יודישער אגענץ ד"ר רופין, מ. טשערטאק און א. קאפלאן האבען אפגעהאלטען א לענגערע קאנפערענץ מיט דעם פינאנץ־לייטער פון דער א"י־רעגירונג, דזשאנסאן. בעת דער קאנפערענץ זענען בעהאנדעלט געווארען א רייהע פראגען, וואס זענען נוגע דעם צאל־טאריף און די האנדעלס־בעציהונגען צווישען א"י און די שכנות'דיגע לענדער.

—=—

מאגדא לופעסקו

געליבטע פון רומענישען קעניג

(די געשיכטע דערצעהלט מאגדא'ס מומע)

— 11 —

מען איז געקומען צו די לופעסקו'ס פון דער גאנצער שטאט אנקוקען מאגדא'ס טאטע־מאמע און איהרע שוועסטער און ברידער... א קליינינקייט דעם קעניג'ס מחותנים!

און די לופעסקוס האבען זיך ממש נישט געטארט ווייזען אויף דער גאס, ווייל באלד זענען אויף זיי אנגעפאלען רעפארטערן פון צייטונגען און האבען זיי בעשאטען מיט אלערליי פראגען...

און א סך רעפארטערן פון אנטיסעמיטישע צייטונגען האבען דעם ענין אויסגענוצט און האבען געענוג שארפע שטעכווערטלער אריינגעזאגט די לופעסקוס.

איין רעפארטער פון דער „אבערול" האט צום ביישפיל, געשריבען, אז ער האט געפרעגט מאגדא'ס פאטער, צי עס געפעלט איהם צו האבען דעם רומענישען קעניג פערדינאנד פאר א מחותן, זאל מאגדא'ס פאטער האבען געענטפערט, אז „ניין" דערפאר וואס פערדינאנד עסט טרפה'ס און זיצט נישט אין סוכה...

און נאך און נאך אזעלכע שטעכווערטלעך... אבער סיי־ווי־סיי איז דער נאמען לופעסקו געווארען דער פאפולערסטער און בעקאנטסטער אין גאנץ רומעניע.

אבער דאס איז נאך נישט אלץ, וואס קאראל'ס שונאים האבען געוואלט. זיי האבען געוואלט טרייבען דאס טייוולאנישע שפיל ביז צום סוף. און דער סוף האט ביי זיי געהייסען, אז דער פרינץ קאראל זאל שוין קיינמאל אין זיין לעבען נישט קאנען זיצען אויפ'ן טראן...

און דא האט די קליקע אנגעהויבען די פערארבייטען איהרע שטיק.

דער קעניגליכער הויף האט כלומרשט גענומען פאדערן, אז קאראל זאל אויפגעבען זיין יודישע מעטרעסע און זיי האבען אנגעהויבען ליארמען, אז דער פרינץ פערשעהמט זיי, אז ער מאכט זיי צו שפאט פאר דער גאנצער וועלט.

דאס ווארט מעטרעסע האט דעם פרינץ אנגעצונדען, און ער האט אלץ געענטפערט זיינע שונאים, אז מאגדא איז נישט זיין מעטרעסע, נאר זי איז זיין געליבטע.

און קיין בעסערן ענטפער האבען זיך זיינע שונאים גארנישט געוואונשען, און די צייטונגען זענען ווידער ארויס מיט גרויסע קעפ:

„קאראל זאגט, אז די יודישע מעטרעסע איז גאר זיין געליבטע"...

און דאס האט געהייסען, אז קאראל איז נישט נאר אן אויסוואורף, א הולטאי, א וואס אין דער קארט שטעהט, נאר ער איז אויך א פעררעטער פון דעם טראן!..

און ווידער האט זיך אנגעהויבען א צוזאמענרעדעניש צווישען רומעניע מיט איטאליע:

דער פרינץ קאראל זאל באלד אהיימקומען...

און די צייטונגען האבען דערווייל געלעבט א טאג.

מען האט נישט געזשאלעוועט קיין בילדער און קיין ארטיקלען וועגען דעם פרינץ מיט דעם יודישען ווייבעל, זיין געליבטער... א קליינינקייט! ווען מאכט זיך זיי נאך אזא טייערער ביסען!..

„א יודיש ווייבעל האט זיך צוגעטשעפעט צום פרינץ און זי וויל איהם פערדרעהען דעם קאפ! זי וויל איהם אראפפיהרען פונ'ם גלייכען וועג!... זי מאכט רומעניע צום לאכען ביי דער וועלט!..."

און א פאר אנטיסעמיטישע צייטונגען אין רומעניע האבען שוין דערפון געדרונגען, אז די מעשה איז גאר א יודישע פערשווערונג, א תל צו מאכען פון דעם רומענישען טראן...

מאגדא איז אין איטאליע געווארען וואס עס טוט זיך אין רומעניע, ווי דאס פייער ברענט, נישט פערלאשן צו ווערען;; האט זי געפרובט איינרעדען קאראל'ן, אז ער מוז אהיימפאהרען און מיט דעם איינשטילען די אלע רכילות'ן.

זי, מאגדא, האט גוט פערשטאנען די מאנעוורען פון דער קליקע, און זי האט געוואוסט, אז וויבאלד קאראל וועט זיך נאר אומקעהרען צוריק אין לאנד, וועט מען אויף זיי אויפהערען ווארפען אזויפיל שמוץ.

אבער קאראל האט נישט געוואלט אהיימפאהרען.

ער איז געווען צו־שטארק פערליבט אין מאגדא'ן, עס זאלען איהם ארען אזעלכע נארישקייטען, ווי רכילות'ן, און קומען אהיים אין לאנד מיט מאגדא'ן צוזאמען, דאס וואלט דאך געווען נאך ערגערע, דער סקאנדאל וואלט געווארען גרעסער. די רכילות'ן וואלטען זיך ערשט דאן נאך מעהר צעטראגען פון איין ווינקעל לאנד ביז צום אנדערען, און ווער ווייסט, וואס מיט מאגדא'ן וואלט גאר געשעהען: אדער מען וועט זי איינגאנצען אפרוימען פון וועג, אדער זי וועט זיך מוזען אומקעהרען צוריק צו איהר מאן, וועמען זי האסט, און דער פרינץ וועט זיך מוזען אומקערען צו זיין פרוי, העלענא'ן, וועמען ער האט גאר קיינמאל נישט ליב געהאט...

און קאראל האט בעשלאסען, איינמאל פאר אלעמאל: ער וועט נישט צוריקפאהרען!

און דאס איז פאר דער קליקע געווען נאך מעהר ווי געוואונשען: „הייסט עס, אז ער וויל טאקע נישט אהיימקומען!..." „ער שלעפט זיך טאקע אלץ ארום מיט דער יודישער מעטרעסע זיינער!..." זעהר גוט! האט מען אנגעהויבען דעם פרינץ צו סטראשען, אז אויב ער גיט נישט אויף זיין קעפסווייב, אויב ער קערט זיך באלד נישט אום אהיים, דאן האט ער פערלוירען זיין רעכט אויפ'ן טראן...

דאן איז מאגדא נאך מעהר צוגעשטאנען צום פרינץ קאראל, און זי האט זיך געבעטען ביי איהם, אז ער זאל נישט רואינירען זיין צוקונפט, און ער זאל זיך אומקערען אהיים. און קאראל האט דער וועלט געגעבען זיין לעצטען ענטפער:

זיין ליבע צו מאגדא'ן איז גרעסער, ווי צום טראן, און אויב צוליב מאגדא'ן קאן ער פערלירען דעם טראן, דאן איז ער זיי דעם טראן מוחל...

און עס איז זיך שווער פארצושטעלען, וויפיל האס, וויפיל צארן, וויפיל פערביטערונג קאראל'ס צעייער ענטפער האט ארויסגערופען איבער גאנץ רומעניע.

די ראיאליסטישע קליקע (די קעניגין מאריא מיט איהר סוויטע) איז געווען אויסער זיך פון פרייד. קאראל'ס אנהענגער, די וואס האבען געהאלטען מיט איהם, האבען פאר פערדרוס געקריצט מיט די ציין; מאגדא'ס מאן. דער אפיציר, האט איינגעלייגט וועלטען; מאגדא'ס עלטערן זענען געווען אין דער גרעסטער שרעק און פערצווייפלונג. זיי האבען מורא געהאט א נאכט איבערצושלאפען. און ס'האבען אויך געביטערט אלע יודען אין רומעניע — ווער ווייסט, צי דאס קאן זיך נאך נישט אויסלאזען צו זייערע קעפ!...

אבער וואס איז דאן אנגעגאנגען מאגדא'ן איהרע טאטע־מאמע און אלע יודען פון רומעניע? זי איז דאן געווען די גליקליכסטע פרוי אין דער וועלט.

זי מיט'ן פרינץ זענען שוין איצט געווען אין פאריז און האבען דארט געפייערט דעם זיג פון זייער גרויסער ליבע.

מיליאנען פרויען איבער דער וועלט האבען מאגדא'ן מקנא געווען.

צום ערשטען איז מאגדא'ן בעשערט געווען צו פערליבען זיך אין א אפיציר, דערנאך אין א פרינץ, און ביידע פאלען איז מאגדא געווען דער קרבן, און זי האט עס קלאר געוואוסט.

איהר ערשטער מאן, דער אפיציר, איז געווען א שוואכלינג, א טרוס, א טויגעניכטס, און איהר געליבטער, דער פרינץ, איז אויך נישט געווען קיין גרויסער העלד. אין זין פון בילדונג, פון אינטעליגענץ און פון כאראקטער, איז מאגדא געשטאנען מיט טויזענד קעפ העכער פון זיי ביידען. און דאך איז מאגדא'ס ליבע צום פרינץ קאראל געווען דער גרעסטער קרבן, וואס א פרוי קאן ברענגען. און פרויען וועלען דאס אמבעסטען פערשטעהען.

מאגדא האט דאס אלעס געוואוסט, אבער איהר ליבע צו קאר[illegible] נישט געמינערט. פאר איהר ליבע איז גארנישט געווען ביי איהר צו־טייער.

(פארטזעצונג — מארגען)

לויה פון ד"ר שמריהו לעווין פון חיפה ביז תל־אביב

די לעצטע יאָהרען האָט שמריהו לעווין פאַר־בּראַכט אין ירושלים. שוין עטליכע יאָהר ווי ער האָט געקרענקט — דאָס האַרץ איז שוואַך געוואָ־רען און ער האָט שוין נישט געהאַט די קרעפטען אַרומצופאָהרען איבּער דער וועלט און אַרויס־טרעטען מיט רעדעס ווי פריהער. אָבּער דאָ, אין לאַנד, פלעגט ער פון צייט צו צייט אויפטרעטען און יעדעס מאָל איז זיין רעדע געווען אַ גאַנץ בּע־זונדערע ערשיינונג. ער האָט יעדעס מאָל גע־בּראַכט אַ „גוט וואָרט" און מבינים האָבען גרויס גענוס געהאַט. אַט איז ער ערשט מיט צוויי וואָ־כען צוריק געשטאַנען אויף דער בּיהנע אין דער קולטור־אויסשטעלונג אין תל אביב און גערעדט וועגען ביאַליק'ן אויף אַנ'אָוונט, וואָס דאָס טעאַ־טער „הבימה" האָט געגעבען צום אָנדענקען פון ביאַליק'ן.

עס איז געווען אַ ריהרענד בּילד.

אַ גרויסער עולם, אַ זעהר גרויסער עולם, זיצט און שטעהט אונטער דעם פרייען הימעל פון אַ זומער־נאַכט אין אַמפי־טעאַטער פון דער אויסשטעלונג.

אויף דער בּיהנע שטעהט אַ הויכע פיגור — שמריהו לעווין. ניין, ער מאַכט דאָ נישט קיין הספד אויף ביאַליק'ן. ער האָט נישט די אויפגאַבּע צו בּעקלאָגען ביאַליק'ן. ער זוכט בּלויז דעם פּאַ־סענדען אויסדרוק, ער וויל נאָר גענוי דעפינירען דעם פּלאַץ וואָס ביאַליק פאַרנעמט אין דעם יודישען קולטור־אוצר. שמריהו לעווין דעפינירט און כאַראַק־טעריזירט דאָס וועזען פון דער נבואה, פון פּראָ־פעטענטום. ער זוכט די פאָרזעצונג פון דער נבואה אין דער יודישער שאַפונג — אין מדרש און אין דער אגדה. ער געפינט אויס די אגדה־עלעמענטען אין ביאַליק'ס דיכטונג. ער ברענגט אַרויס אַ רייה געדאַנקען און דעפיניציעס און קומט צו דעם ווייטערען המשך פון דער נבואה דורך דעם מדרש און אגדה ביז צום מגיד. ער שילדערט דעם וויכטיגען פּלאַץ, וואָס דער מגיד דער פאָלקס־רעדנער אין בית־מדרש, דער טרייסטער און שטראָפער — האָט פאַרנומען אין יודישען לעבען אַלס יורש פון נביא, אָט דער מגיד, דער יודישער טרובאַדור, איז די דריטע פאַרוואַנדלונג פון דעם נביא.

און דאָ קומט ער צום געדאַנק, אַז מענשען פון דעם שניט ווי ביאַליק שטאַרבען נישט; זיי, אָט די גרויסע מענשען, זענען דער עסענץ פון פאָלק, זיי זענען די גיטער פון פאָלק, און אויף זיי פּאַסט בּעזונדער דער העבּרעאישער אויסדרוק פאַר געשטאָרבענע — „ונאסף אל עמיו", דאָס מיינט: אָט דער מענש איז אַ צוגאָב, אַ בּערייכע־רונג צו די אוצרות פון פאָלק. אַזעלכע מענשען שטאַרבען נישט, זיי פאַרמעהרען דעם פאָלקס־שאַץ.

עס האָט גערעדט שמריהו לעווין, דער גלענ־צענדער רעדנער, דער פּאַטעטישער רעדנער, דער מאָדערנער מגיד — אין שענסטען זין פון וואָרט. זיין שטימע, זיינע בּעוועגונגען, זיינע עכט־יודישע בּעוועגונגען מיט די הענד צו ערקלערען בּילדליך דעם געדאַנק, וואָס ער וויל אַרויסבּרענגען, ווען דאָס וואָרט גענוגט איהם נישט, די יודישע בּע־וועגונגען, וואָס ער האָט מיט זיך געבּראַכט פון זיין געבּורטס־שטעטעל סוויסלאָוויטש און קולטי־ווירט זיי דורך זיין אייראָפּעאישער קולטור, זיין שפּראַך, זיין רעדען — אַלעס האָט געקלונגען מיט דעם יוגענדליכען בּרען פון זיין נשמה. זיין רעדע איז געווען, ווי געוועהנליך, פול געדאַנקען־בּליצען, און איינפאַלען, גוט אויסגעבּויט, מיט אַנ'אָנהויב, אַ מיטען און אַ סוף; עס איז גע־שטאַנען פאַר אונז דער גוט־בּעקאַנטער שמריהו לעווין אין זיין גאַנצער הויך, מיט זיין גאַנצער קראַפט, פול־בּלוטיג, טאַטען־בּרייט, פול מיט לע־בּען, זיין שטימע האָט זיך ווייט געטראָגען איבּער דעם אמפי־טעאַטער, די מעגאַפאָנען האָבען זיי נאָר פאַרשטאַרקט.

שמריהו לעווין האָט געענדיגט רעדען. די הויכע שלאַנקע פיגור, וואָס איז ערשט איצט גע־ווען אַזוי מעכטיג אין איהר וואָרט, האָט געמאַכט איניגע טריט אַראָפּצוגעהן פון דער בּיהנע און דאָס בּילד האָט זיך שרעקליך אומגעוואַנדעלט, דער קערפּער איז געווען דורך און דורך פיזישע ליידען. ווער עס האָט זיך צוגעקוקט פון דער נאָ־הענט האָט געזעהן — דער מענש שטעהט שוין

(אַ בּריף)

מיט איין פוס אויף יענער זייט. אַלט און שוואַך איז געווען אָט די מיט איין מינוט צוריק קרעפ־טיגע פיגור פון רעדנער, פון מגיד.

דעם צושויער האָט בּעהערשט אַ געפיהל, אַז דאָס האָט ער דעפינירט אין זיין רעדע וועגען ביאַליק'ן, אויך אַ פּלאַץ פאַר זיך, דעם פּלאַץ אויפ'ן עולם הבא אַלס יודישער טרובאַדור, אַלס מגיד, אַלס איינער פון די טרעגער פון דער יו־דישער נבואה וואָס איז אין איהר נייער אויפלאַגע אין גייסטיגען יודישען לעבען — מגידות.

די ידיעה וועגען שמריהו לעווין'ס טויט האָט זיך גיך פאַרשפּרייט איבּער חיפה און אויסער חיפה. באַלד זענען געקומען פאַרשטעהער פון אַלע אַנ־שטאַלטען, פריינד און נאָהענטע, און האָבען בּע־וואַכט דעם פאַרשטאָרבענעם'ס קערפּער.

עס איז דאַן אויפגעשוואומען די פראַגע, וואו מען זאָל איהם מקבר זיין. דריי שטעט האָ־בען געפאָדערט, ער זאָל קומען צו קבורה אויף זייערע בית־עולמ'ס: חיפה, ירושלים, תל־אביב.

חיפה האָט געפאָדערט, ער זאָל בּלייבען אין שטאָט, ווייל ערשטענס, איז ער דאָ געשטאָרבען, צווייטענס האָט ער דאָ מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר צוריק אויפגעשטעלט דעם טעכניקום: ער האָט פאַרוואַלטעט דעם בּוי פון טעכניקום, פאַר וועלכען ער האָט פיל געאַרבּייט.

ירושלים, אַלס הויפּט - שטאָט, האָט בּכלל די פּריווילעגיע, אַז יעדער אָנגעזעהענער מענש זאָל קומען צו אייביגער רוה אין איהרע טויערען. דער־צו האָט ער דאָך די לעצטע יאָהרען געוואוינט אין ירושלים.

און דאָך האָט מען איהם מקבר געווען אין תל־אביב. א פּנים, אַז דאָס איז געווען זיין וואונש. ווען מען האָט דעבּאַטירט, וואו מען זאָל איהם מקבר זיין, האָט די טאָכטער זיינע, העניע, איבּער־געגעבען, אַז זיין פאַרלאַנג איז געווען צו בּלייבען אין דער געזעלשאַפט פון זיינע חברים און פריינד אחד־העם, ח. נ. ביאַליק, וועלכע ליגען אויף דעם אַלטען תל־אביב'ער בית־עולם. און דער מאָטיוו האָט טאַקע ענטשידען. מען האָט גענומען אַ ספּעציעלע באַהן און מען האָט אויף מאָרגען געבּראַכט זיין קערפּער קיין תל־אביב.

רעדעס זענען געהאַלטען געוואָרען בּלויז אין חיפה. אין תל־אביב האָט די שטאָט־פאַרוואַלטונג איבּערגענומען דאָס איינאָרדענען די לויה. אויף דעם וועג פון חיפה קיין תל־אביב האָבען די קאָ־לאָניעס, וואָס ליגען אויף דער באַהן־ליניע בּע־גענענט דעם טרויער־צוג מיט בּלומען, מיט טרויער־פאָהנער. אין די קאָלאָניעס אַטליט, בּני מינה און חדרה האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט אויף איניגע מינוטען. אין לוד, די הויפּט - סטאַנציע פון דער באַהן, האָבען די יודישע באַהן־אַרבּייטער אַוועקגעלעגט אַ בּלומען־קראַנץ.

אין תל־אביב איז דער אָרון געבּראַכט גע־וואָרען אין „אהל־שם". דאָ זענען געקומען פריינד און פאַרעהרער און האָבען זיך געזעגענט מיט דעם פאַרשטאָרבּענעם און אַרום פינף נאָכמיטאָג, איז אַרויס די לויה. פאַרשטעהט זיך, אַז די גאַנצע צייט איז געשטאַנען אַנ'עהרען־וואַך בּיי דעם אָרון, פון די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס „הפועל" און „מכבי".

די לויה איז געווען אַ גרויסע. עס האָבען זיך בּעטייליגט אַלע פאַרשטעהער פון ישוב. עס איז געווען זעהר טרויעריג. אויך דער אַדמיניסטראַטאָר פון הויך־קאָמיסאַר און אַנדערע רעגירונגס־בּע־אַמטע האָבען זיך בּעטייליגט אין דער לויה.

„אל מלא רחמים"ס האָבען בּעגלייט דעם טרויער־צוג אויף זיין וועג צו אייביגער רוה.

י. שפּיגעלמאַן.

עטליכע טעג אין דייטשלאַנד

(איינדריקע)

פון ל. מלאך

מיר איז אויסגעקומען בּייצוזיין אַ מאָדנע צערעמאָניע אין אַ פאַבּריק, וואו די אַרבּייטער האָבען געדאַרפט אָפּגעבען אַ „שבועה".

דאָס פּיינליכסטע איז, האָט מיר ערקלערט אַנ'אַרבּייטער, וואָס דער רעזשים, דאָס הייסט „ער" מישט זיך אַריין אין די אינערליכע אַנגעלעגענ־הייטען פון די אַרבּייטער.

אין צאַרישען רוסלאַנד, ערקלערט מיר ווייטער דער אַרבּייטער, האָט די מאַכט אונטער־דריקט די אַרבּייטער און בּעמיהט זיך צו פאַרניכטען אַלץ, וואָס איז דורך אַרבּייטער געשאַפען און אויפגעבּויט געוואָרען.

אַרבּייטער־קלובּען, ביבּליאָטעקען, פּראָפעס - יאָנעלע פאַראיינען. די אַרבּייטער האָבען געהאַט סיבּות די דורך זיי געשאַפענע פּאָזיציעס צו פאַר־טיידיגען בּיז צום לעצטען טראָפּען בּלוט.

און וואָלט דאָס אַזוי געווען אין דייטשלאַנד וואָלט דער היטלעריזם געטון דאָס זעלבע אויסער־ליך, ווי ער האָט עס געטון אינערליך, וואָלט מסתמא נישט איין באַריקאַדע אויפגעשטעלט גע־וואָרען.

איז אָבער די צרה, וואָס „ער" איז געוואָרען פריינדליך מיט די אַרבּייטער און שאַפט פאַר זיי אַליין אינסטיטוציעס. אַט האָט „ער" געגעבען צום היינטיגען פריהלינג אַ בּעפעהל, אַז אין אַלע פאַבּריקען, ווערקשטעלען, גרעסערע געשעפטען, אונטערנעהמונגען מוזען זיין בּלומען.

הענגען טאַקע בּלומען. מען מוז די בּלו־מען אָפּט טוישען. זיי מוזען זיין פריש, גרויס, אָנגעזעהען. פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס ווערט גע־טון אויפ'ן חשבון פון די אַרבּייטער. „ער" וויל פאַרשמעקען זייער לעבען. אין יעדער אונטערנע־מונג איז פאַראַן אַ „בּלומען־קאָמיסאַר", ער נעמט צונויף בּיי די אַרבּייטער די פעניגס און פאַר דעם קויפט מען בּלומען. אין קליינע ווערקשטאַטען אָדער געשעפטען, וואו דער פּערסאָנאַל איז קליין אין צאָהל, פאַלט די לאַסט פון בּלומען זעהר שטאַרק אויף זיי. עס איז א היבשע אויסגאַבּע. אַנ'אַר־בּייטערין האָט זיך בּעקלאָגט, אַז צו אַ פּאָר זאָקען קאָן זי נישט צוקומען, און האָט שוין נישט וואָס צו פאַרצירעווען, אָבער אויף בּלומען מוז זי יע־דען צווייטען טאָג געבען.

בּלומען איז גאַנץ שעהן, עס דערפרישט דאָס אויג. אין דער פאַרשטויבטער פאַבּריק, אָבער ווען דאָס זאָל געהן פון „זיין" קעשענע, וועניגסטענס פון בּאַלעבּאָס, דאָס נישט. דער בּאַלעבּאָס דאַרף נאָר לאָזען די פאַבּריק אָדער ווערקשטאַט אויספּו־צען. יאָ, לאָזען. צו די אַרבּייטס־שעה'ן איז נאָך צוגעקומען אַ „צוגאָב", די אַרבּייטער דאַרפען האַלטען ריין די פאַבּריק, פּוצען די מאַשינען און דאָס גלייכען. דאָס ווערט געטון איבּער די אַר־בּייטס־שעה'ן. און דאָס אייגענטליך איז דער צוועק פון דער שבועה.

אַלע בּאַלעבּאַטים, גרויסע ווי קליינע, פאַבּ־ריקאַנטען, מייסטערס, געשעפטס־אינהאַבּער, בּכלל אונטערנעהמער, גיבען אָפּ די „שבועה" צו „איהם" אָדער „זיין" פאַרטרעטער.

אפילו יודישע אונטערנעהמער זענען מחויב אָפּצוגעבען די שבועה, אָבער בּיי יודען נעמט מען נישט אָפּ דירעקט. זיי געבען אָפּ די שבועה צו אַזעלכע „בּעגלויבּטע" און יענע ווידער געבען אָפּ די שבועה אין זייער נאָמען.

די שבועה בּעשטעהט אין דעם (מיט אַ גאַנ־צע צערעמאָניע. די באַלעבּאַטישע שבועה האָב איך נישט געזעהן) אַז מען זאָגט צו צו היטען דעם אַרבּייטער'ס אינטערעסען און ענטוויקלען די דייט־שע פּראָדוקציע אָהן אייגענוצען, נישט אויסנוצען און עקספּלאָאַטירען די אַרבּייטער...".

צומאָרגענס נאָך אַזאַ שבועה־צערעמאָניע זע־נען די צייטונגען פול. דאָס האָט אַ צוועק צו ווייזען דער וועלט. אַז די אויסגלייכונג אין „זיין" רע־זשים איז שוין פאָרגעקומען. דאָס האַמערט אויך אַריין אין געדאַנק פון היימישען אַרבּייטער, אַז די ישועה זיינע איז שוין געקומען. פאַרשטעהט זיך, אַז די בּאַלעבּאַטישע שבועה האָט קיין האַפט נישט און איז נישטס מעהר ווי אַ חוצפה'דיגער חוזק.

אָבער גלייכצייטיג „גילט" די שבועה אויך פאַר אַרבּייטער. אויך זיי זענען מיט „עפּעס" פאַרפליכטענד צו זייער בּרויטגעבּער, און אויך זיי מוזען „שווערען".

אַזאַ שבועה האָב איך בּייגעוואוינט.

אַלע אַרבּייטער, פון קלענסטען בּיז דעם גרעס־טען, פון דעם פאַבּריקס־וועכטער בּיז דעם טרעגער פון מאַשיניסט בּיז'ן אינזשיניר, פון לערן־יונג בּיז'ן שיק־יונג — אַלע זענען פאַרזאַמעלט. אַלע זיצען אויף זייערע ערטער אָדער שטעהען אויף זייערע אַרבּייטס־פּאָזיציעס. מיטאַמאָל הערט זיך אַ סיגנאַל דער פאַבּריקס - דעלעגאַט, וואָס איז תמיד דער פאַרטרויטער פון די נאַציס (אין דער פאַבּ־ריק איז דער בּאַלעבּאָס אַ יוד, און די אַרבּייטער — סאָציאַליסטען, נאָר דער אויפזעהער — אַ נאַצי) יאָ, דער דעלעגאַט אין האַקענקרייץ אָפּצייכען גיט אַ קאָמאַנדע: „אויפשטעהן". אַלע שטעהען אויף, יעדער בּיי זיין מאַשין. עס הערט זיך אַ צווייטע קאָמאַנדע: אויסשטעלען פיר אין אַ רייה. דער עולם טוט עס. עס איז אַ מאַכט־בּעפעהל. דער אַרבּייטער־עולם שטעלט זיך אויס פיר אין אַ רייה. מען האַלט אַ ווילע אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. מען שעמט זיך פאַר'ן צווייטענס בּליק. בּאַלד נאָך אַ קאָמאַנדע: קוקען גלייך, רעכטס! דאָס הייסט אין דער זייט פון די בּאַלעבּאַטים, וואָס שטעהען דאָ ווי די אויבּערקאָמאַנדירען. די אַרבּייטער דאַר־פען שווערען געטרייהשאַפט און אונטערטעניגקייט.

געוועהנליך דאַרף דער בּאַלעבּאָס אָפּנעמען די שבועה פון זיינע אַרבּייטער. נאָר אין דעם פאַל איז אַנ'אויסנאַהם. דער „יודישער מאָמענט" שפּילט דאָ אויך אַ ראָלע. מען קאָן דאָך נישט אָפּגעבען אַ שבועה צו אַ יוד.. און דער „דעלעגאַט" איז געפאַלען אויף אַ פּלאַן. די שבועה וועט דאָס מאָל „אָפּנעמען" דער מייסטער פון דער פאַבּריק — אַנ'עכטער ראַסישער דייטש.

דער מייסטער לעזט פאָר. עס איז אַ געדרוקטער שאַבּלאָן. די אַרבּייטער זאָגען נאָך, ווי מען זאָגט נאָך אַ רעליגיעזען צערעמאָניאַל־אַקט אין אַ קלויס־טער, וואָרט, נאָך וואָרט:

„מיר שווערען צו זיין געטריי אונזער הער, וועלכער פאַרשאַפט אונז אַרבּייט. מיר וועלען זיין פלייסיג, נישט מיסבּרויכען מיט דער צייט און מיט דעם צוטרויען צו אונז. אָפּהיטען די גאַנצקייט פון די מאַשינען, נישט שעדיגען די איינריכטונג פון גרעסטען בּיז'ן קלענסטען. אין דער פאַבּריק שוינען און אָפּהיטען דאָס פאַרמעגענס פון דער אונטערנעהמונג, וואָס דער בּאַלעבּאָס טרויט אָן אין אונזערע הענד אַריין. נישט קאַליע מאַכען קיין שטאָף, אָפּהיטען אַפילו אַ נאָדעל, אַ פאָדים".

איך האָב זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיגער אונ־טערטעניגקייטס־צערעמאָניע. עס איז פּשוט נאָך מעהר ווי בּעליידיגענד. און כאָטש די קאָמאַנדע איז געווען האַלטען הויך די קעפּ און אָפען די אויגען אין דער זייט צו די בּאַלעבּאַטים, האָט מען אַראָפּגעלאָזט די בּליקען. מען האָט נאָכ־געזאָגט די ווערטער מיט געמורמעל און ווער ווייסט וואָס זיי, די וואָס האָבען זיך אַליין איבּער־געענטפערט אין שקלאַפען — האָבען געטראַכט.

איז דער רעוואָלוציאָנערער גייסט אויסגע־לאָשען געוואָרען צווישען די דייטשע אַרבּייטער? האָבען זיי זיך אַזוי לייכט און גערנוויליג אונטער־געגעבען „זיין" מאַכט? בּשום אופן נישט. דער פּשוט'ער דייטשער אַרבּייטער האַלט, אַז אין אַ געוויסער מאָס האָט מען איהם פאַרראַטען. נישט געקוקט אויף דעם שפּיאָנען־סיסטעם, די „געסט־טאַפּאָ" קוקט מיט טויזענדער אויגען אויף יעדען קעהר און ריהר פון'ם אַרבּייטער, קאָן זי דאָך נישט פאַרהיטען די צוזאַמענקונפטען. אַפילו די אַרבּייטער־דעמאָנסטראַציעס, וואָס דריקען זיך אויס אין מאַראַנישען אופן.

מען קאָן פאַרשטעהן דאָס געפיהל פון די הונדערטער טויזענדער אַרבּייטער - מאַסען, מיט וואָס פאַראַ פאַרבּיטערונג זיי קוקען זיך צו צו דער שענדונג פון זייערע טייערסטע פיהרער. נישט איין פויסט בּיילט זיך אין... דער קעשענע. יאָ, פּאָרלויפיג אין דער קעשענע. מען ווייסט נישט, וואָס מאָרגען קאָן געשעהן.

נאָך דער קעפּונג פון דעם יודישען מאַלער סאַלי עפּשטיין, דעם וואָס מען האָט אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ מכלומרשט דערפאַר, וואָס ער האָט גע־האָלפען אַפּרוימען פון וועג דעם אַלפאָנס האָרס וועסעל. דעם דאָזיגען קרבּן האָט מען אין דער שטיל אַוועקגעטראָגען אויפ'ן יודישען בּית־עולם. צומאָרגענס אינדערפריה איז דער גאַנצער פּלאַץ אַרום דעם קבר געווען פאַרשאָטען מיט בּלומען, מיט בּלומען־קרענץ, מיט רויטע לענטעס, מיט אויפשריפטען, מיט פייערדיגע שבועות, וועגען נקמה פאַר זיין אונשולדיג פאַרגאָסען בּלוט.

איבּריגענס, מען רעדט עס שוין נישט אַזוי אין דער שטיל. דראָהונגען מעהרען זיך. דער האַס רייסט זיך. דער צאָרן שפּאַרט דורך אַפילו פון אונטער די אייזערנע לאָדענס פון געצוואונגע־נעם שווייגען. די אונצופרידענהייט צווישען די מאַסען שטייגט. מען קאָן עס לייכט הערען און בּענעמען. איצט, ווען דער טעראָר פלאַקערט נאָך שטאַרקער אַפילו ווי אין די ערשטע טעג. איצט — פּלאַנמעסיגער און שטילער, אָהן רעש, שטייגט אָבער דער אָנזאָג פון די אַרבּייטער שטאַרקער און העכער. דער בּרוינער מונדיר איז שוין נישט דער בּעצויבּערענדיגסטער אויסדרוק פאַר דער דייט־שער פרוי. פאַרקערט, עס איז אַפילו פאַראַן אַ בּעגלייטענדיג עקעל־געפיהל. יעדער האָט זיך זיין חשבון. די פּשוט'ע „מיכלעקע" האָט איהר צוזאָג נישט בּעקומען. עס איז איהר ערגער ווי פריהער. איצט, אַפילו אָהן האָפנונג אויף פאַר־בּעסערונג. און דער „מיכעל", ער איז גאָר ענט־טוישט

עסטרייכישער רעגירונגס־אָרגאַן פאַר סעפּאַרירען די קריסטליכע יוגענד פון דער יודישער

וויען (יט"א) דער עסטרייכישער רעגירונגס־אָרגאַן „רייכספּאָסט" פּאָלעמיזירט מיט דער שטע־לונג פון דער „אוניאָן פון עסטרייכישע יודען" גע־גען דער פאָלשטענדיגער אָפּטיילונג פון דער קריסט־ליכער יוגענד פון דער יודישער. „רייכספּאָסט" בּע־הויפּטעט, אַז אַזאַ אָפּטיילונג ווערט גראָד געפאָדערט דורך דעם טייל שטרענג - רעליגיעזע יודען, וועל־כע שטעהען אויף דעם „איינציג ריכטיגען שטאַנד־פּונקט, אַז יודען דאַרפען ערצויגען ווערען אין די שולען פון זייער רעליגיאָנס - געמיינשאַפט, דאָס בּיי אַזאַ גלידערונג פון דעם שולוועזען טאָר אין קיין פאַל נישט פאַרנאַכלעסיגט ווערען די ערציהונג פון מלוכה־בּירגער, וועלכע זענען שטענדיג גרייט מיט־צווווירקען פאַרן וואויל פון פאָטערלאַנד מיט די מלוכה־בּירגער פון אַנדערע רעליגיאָנס - געמיינשאַפ־טען, ווערט קיינער נישט בּעשטרייטען דאָרט, וואָס פּאַסט אויף בּיבּליש די פערהעלטניש פון רעליגיע אין פאָטערלאַנד

פון דעם אויבּיגען איז צו זעהן, אַז די איינ־פיהרונג פון פּאַראַלעל - קלאַסען פאַר יודישע שילער אין וויען איז, טראָץ די זיינערצייטיגע הכחשות, גע־ווען אַ הקדמה צו אַ פאָלשטענדיגער סעפּאַרירונג פון יודישער און קריסטליכער יוגענד.

פאַר די קאָנגרעס־וואַהלען אין פראַנקרייך

פּאַריז. (יט"א) די וואַהלען צום 19־טען ציוניסטישען קאָנגרעס וועלען אין פראַנקרייך פאַר־קומען דעם 21־טען און 22־טען יולי. אין פראַנק־רייך זענען פאַרקויפט געוואָרען 4.716 שקלים, דערונטער 3313 אין פּאַריז.

די פראַנצויזישע ציוניסטען וועלען זיין רעפּ־רעזענטירט אויף דעם קאָנגרעס דורך 2 דעלעגאַטען.